ב״ה



# תשורה
# לרגל יום הנישואין
# הט״ו של

הרה״ת ראובן
ומרת רחל שיחיו
לוי

י״ד כסלו תשע״ח

# מאמר לכה דודי

מכ"ק אדמו"ר (הריי"צ) זצוקללה"ה נ"ע.

ונתוספו מנהגי החתונה, מלוקט משיחות ומכתבי קודש.
מכ"ק אדמו"ר שליט"א.

שנת תשל"ב לפ"ק

בס"ד

**מאמר לכה דודי, תרפ"ט, מכ"ק אדמו"ר (מוהריי"צ) זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה, והנה השבת נק' כלה ונק' מלכה וכמא' שבת מלכתא, דהנה חתן וכלה הרי החתן נקרא מלך כדאי' בפדר"א פט"ז חתן דומה למלך והכלה נק' מלכה, דהנה כתיב נעשה אדם בצלמנו כדמותנו דהאדם שלמטה הוא בצלם ודמות אדה"ע שהם הספירות העליונות, דז"א דאצי' נק' מלכא וכמבואר בענין דכל נשמתא ונשמתא הוא קיימא בדיוקנאה קמי' מלכא קדישא שהוא ז"א דאצי' וספירת המל' נק' מלכתא, ואי' בזהר דמלכא בלא מטרוניתא לאו איהו מלך ולאו איהו גדול דהעיקר הוא יחוד זו"ן וכתי' זכר ונקבה ברא אתם, ויברך אתם אלקים כו ולזאת הנה כדוגמת השבת שצריכים לקבלו בשמחה דשבת איהי מקורא דכל ברכאין עילאין ותתאין, דכולהו. יומין מתברכין מהשבת הנה כמו כן צריכים לקבל פני כלה דאיהי מקורא דברכתא עילאה, והנה יסוד מאמר זה דלכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה שאומרים בקבלת השבת הוא דאיתא בגמרא (שבת קי"ט ע"א) ר' חנינא מיעטף (בבגדים נאים רש"י) וקאי אפניא דמעלי שבתא אמר בואו ונצא לקראת שבת המלכה, ר' ינאי לביש מאני' (בגדי שבת) מעלי שבת ואמר בואי כלה בואי כלה (הכי קרי לה לשביתת שבת מתוך חביבות, רש"י) ובזהר ח"ג דרע"ב ע"ב איתא ובשבת בכל מלוי צריך לאתוספא מחול על הקדש בין במאכליו ובמשתיו, בין בלבושי', בין בהסבתי' דצריך לתקנה לי' מסבה שפירא בכמה כרים וכסתות מרקמן מכל דאית בביתי' כמאן דתקין חופה לכלה, דשבתא איהי מלכתא ואיהי כלה, והיינו דכשם שהשבת היא מקור הברכות הנה כמו כן שמחת חתן וכלה וקבלת פניהם היא מקור הברכות, דהנה כתיב כי על כל כבוד חופה שהם ב' בחי' כבוד חתן וכבוד כלה, דחתן הוא הקב"ה וכמאמר ביום חתונתו זו מתן תורה שהקב"ה נקרא חתן וכנסת ישראל נקראת כלה, וכבוד הוא בחי' מקיף, כבוד חתן אהבת הקב"ה לכנס"י כמ"ש אהבתי אתכם אמר הוי', וכבוד כלה אהבת כנס"י להקב"ה וכמ"ש נכספה וגם כלתה נפשי, והחופה הוא המקיף הכללי על החתן וכלה, וכן הוא למטה דהסדר הוא שבאים רוב עם לקבל פני החתן, ואח"כ הולכים עם החתן לקבל פני הכלה, והחתן מכסה בצעיף את הכלה והולכים אל החופה, והענין הוא דבכל עליי המקבל אל המשפיע צריך להיות תחלה המשכת המשפיע בבחי' חיצוני' שבו לבחי' חיצוני' המקבל, כדי שע"י המשכה זו יוכל המקבל לישא את עצמו ולהתעלות להיות קרוב למדרי' המשפיע ואז יקבל המשכה הפנימי' מהמשפיע

קיצור, יבאר כי חתן וכלה הם בדוגמת הספירות העליונות ז"א ומל', וקבלת פני הכלה הוא כדוגמת קבלת פני השבת שה[illegible] הברכה לכל ימי השבוע, כבוד חתן אהבת הקב"ה לכנס"י, וכבוד כלה אהבת כנס"י להקב"ה, והחופה הוא המשכת העצמו' וקודם החופה החתן מכסה את ה[illegible] בצעיף שהוא קירוב חיצוני' המשפיע אל חיצוני' המקבל בשביל השפעה וקבלה פנימיות.

וביאור

ב) וביאור הענין הוא, דהנה אמרז"ל (פסחים דקי"ז ע"א) רבה מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא ובדחו רבנן ולבסוף יתיב באימתא ופתח בשמעתא, דהמשפיע צריך לפתוח להו לרבנן והיינו לעשות את המקבל ראוי לקבל דבר ההשפעה ע"י פתיחת הכלים והחושים שלו וצריך לפתוח בשמעתתא שיהיה דבר ההשפעה לפי ערך המקבל, ולזאת הנה מיקמי דפתח להו לרבנן לעשותם לכלי קבלה אמר מילתא דבדיחותא ומלתא דבדיחותא הוא שיחת חולין, ועם היות דשיחות חולין של ת"ח צריכים לימוד לפי שיש בהם חכמה רבה ושכלים עמוקים, ומ"מ הוא בחי' חיצוני', והגם דמי שהוא גדול יותר הרי גם השיחות חולין שלו הם במדרי' גבוה יותר שיש ללמוד מהם הרבה ענינים נפלאים, ועם כי זהו רק נובלות בלבד ומ"מ הן הן גופי חכמה וכמארז"ל (כתובות ק"ג ע"א) לשון חכמים ברכה, לשון חכמים עושר, לשון חכמים מרפא, והוא שמושה של תורה, וארז"ל (ברכות ד"ז ע"ב) גדולה שמושה של תורה יותר מלמודה שנאמר פה אלישע בן שפט אשר יצק מים על ידי אליהו, למד לא נאמר אלא יצק מלמד שגדולה שמושה יותר מלמודה, והנה לבסוף יתיב באימתא ופתח בשמעתתא, דלימוד התורה צריך להיות ביראת שמים, וכמאמר מה להלן באימה ביראה ברתת ובזיעה אף כאן כו', והיינו דכשם שבמתן תורה כתיב וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק הנה כמו"כ בעת לימוד התורה צריך להיות בביטול גדול וביראה גדולה, אבל קודם צריך הרב לפתוח חושי המקבל והוא ע"י מילתא דבדיחו', וידוע דכללות ענין הבדיחותא שלפני הלימוד הוא להעלות ולהגביה את התלמידים שיהיו בערך לקבל את ההשפעה שישפיע להם המשפיע, דרב ותלמיד אינם בערך זה לזה, והתלמיד צ"ל בביטול לפני רבו וכמאמר כל ת"ח היושב לפני רבו ואין שפתותיו נוטפות מור כו' שהוא בתכלית הביטול, ולזאת הנה הבדיחו' הוא נותן כח בהתלמיד שיוכל לקבל דברי רבו, ובדרך כלל הוא פועל פתיחת הלב והמוח של התלמיד שיהי' כלי לקבלה, והגם דזהו ענין חיצוני הנה חיצוני' זו זהו הקדמה אל הפנימי', דעל ידי קירוב זה של הרב לומר להם מלתא דבדיחותא דעי"ז דוקא יוכלו לקבל ההשפעה פנימי' דפתח בשמעתתא, ועל דרך משל בן יניק וקטן כשאבוו רוצה להשתעשע עמו פנים אל פנים, והרי התינוק הוא קטן, צריך האב להשפיל את ידיו שהם גבוהים ונעלים מראש התנוק עד למטה מתחת התנוק ולהגביהו עד ראשו של אב ואז ידבר וישתעשע עמו פנים בפנים, והרי ההמשכה של חסד האב בהשפלת ידיו הוא חיצוניות שהוא רק להגביה את התינוק, וכן התינוק אינו מקבל שום דבר בהגבהה זו, כי הלא לא יש בזה שום השפעה, דהשפעה והשעשועים עם בנו הוא רק אח"כ כאשר כבר הגביהו, ורק שא"א להיות ההשפעה בקירוב ובפנימי' שלא יהי' תחלה קירוב ועליית המקבל, שהוא הקירוב החיצוני שהוא בשביל ההשפעה פנימית.

קיצור, יבאר הא דרבה מקמי דפתח להו לרבנן לעשותם כלים ראוים לקבל את דבר ההשפעה בתורה אמר להם מילתא דבדיחותא להעלות את המקבלים שיוכלו לקבל את דבר ההשפעה, וגדולה שמושה יותר מלימודה, והגם שהוא ענין חיצוני לגבי פנימיות ההשפעה, אבל מכל מקום הנה זהו דוקא הקדמה אל הפנימי', כדוגמת האב המרים את בנו הקטן להשתעשע עמו

ג) וזהו דכתי' ואנכי תרגלתי לאפרים קחם על זרועותי (הושע י"א) דאנכי מי שאנכי ב"ה השפיל פנימי' רצונו ית' במצות גשמי' דוקא בכדי להגביה נשמות ישראל, דהנה האדם הוא עולם קטן, וכמו שבעולם הרי יש יום ולילה דביום מאיר האור כמ"ש ויקרא אלקים לאור יום, ובהעדר האור הוא לילה כמ"ש ולחשך קרא לילה, כן הוא בהאדם גם כן ברוחניות דיש בו יומם ולילה וכמ"ש גם כי אשב בחשך הוי' אור לי, חשך הוא העוה"ז, דהעוה"ז נקרא חשך לפי שהוא עולם השקר וכמו בחשך הרי אין האדם רואה מאומה ויכול להיות שהוא עומד בסמוך לבור או לשאר דבר המזיק, הנה כמו"כ בעוה"ז אין אדם יודע מה שבלבו של חבירו עליו, ואפשר להיות אחד בפה וא' בלב דבפיו יכבד אותו ומדבר עמו דברי אהבה ובלבו הוא שונא לו, וזהו מה שהעולם הזה נקרא חשך לפי שהוא עולם השקר, דעולם הבא נקרא עולם האמת ועולם הזה נקרא עלמא דשיקרא, וזהו גם כי אשב בחשך הוי' אור לי דאפילו בעוה"ז הגשמי הוי' מאיר בישראל כמ"ש כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח הוי', וידוע דאלקים בגימטריא הטבע, והוי' הוא הי' הוה ויהי' כאחד שהוא למעלה מן הטבע, וזהו כי החשך יכסה ארץ שהם יודעים רק ענייני הטבע, אבל עליך יזרח הוי' שהוא למעלה מן הטבע, ובעבודה הוא דכאשר נשמת האדם מתפשטת בו ואור כח נשמתו מאירה לו אזי נק' יום, וכאשר אור נשמתו בלתי מאירה לו ח"ו אז הוא נק' לילה, לכן בלילה הוא בבחי' שינה לגמרי מחמת הסתלקות אור נפשו ובבקר הקב"ה מחזיר להאדם נשמתו וכמ"ש חדשים לבקרים רבה אמונתך, אך מחמת שנתגשם חיות הגוף מאד אינו יכול לקבל הארת נשמתו בקרבו כי אם מעט מזעיר, וזהו אשר נשמה באפו, דהיינו שהנשמה האלקית אין לה גילוי בלבו וגופו מחמת חומר ישות הגוף כיון שעדיין לא התפלל, דתפלה הוא ענין התקשרות וקודם התפלה היינו קודם שהאדם מתקשר לאלקות ע"י עבודה כתי' בו חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה נחשב הוא, אל תקרי במה אלא במה, פי' חדלו לכם, הבדלו עצמכם מן בחי' אדם כזה שנשמתו רק באפיו, שלא נתפשטה עוד נשמתו בכל גופו, כי במה נחשב, שהוא נחשב כמו במה, וכשם שהבמה הוא דבר גבוה ונראה הישות שלו לדבר בפני עצמו כן האדם הזה הוא עוד יש ומציאות עד אשר מתפלל שהוא ענין ההתקשרות שמתקשר באלקות וע"י התפלה עושה כל הדברים הגשמים כלים לאלקות, ובכדי שיהי' הקירוב פנימי להמשיך האור האלקי בכל הענינים הגשמים צריך להיות תחלה הקירוב כללי, ולכן אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש ופרש"י הכנעה ושפלות שהוא שהוא ענין הקירוב הכללי, וזהו לכה דודי לקראת כלה קירוב המשפיע אל המקבל, הנה ע"ד פני שבת נקבלה דכל הימים מתברכין מהשבת, ועל דרך בהשפעת הרב ותלמיד דהרבה קבלתי מרבותי כו' ומתלמידי יותר מכולם וכן כתיב אשת חיל עטרת בעלה וכתיב מצא אשה מצא טוב ויפיק רצון מה' הטוב בדור ישרים יבורך בבנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות.

קיצור

קיצור, יבאר כי זהו ענין מה שהוא ית' השפיל פנימי' רצונו ית' במצות מעשיות, כי האדם עולם קטן והעוה"ז נק' חשך כי הוא עלמא דשיקרא, וכאשר אור נשמת האדם מאירה בו בעבודה נק' יום ובהעדר העבודה נק' לילה ונק' נשמה באפו שעליו נאמר חדלו לכם מן האדם זה שהוא כמו במה שהוא יש, והקירוב לאלקו' הוא ע"י תפלה שהו"ע ההתקשרות דאז ביכולתו לקשר כל הענינים הגשמים באלקות ביחוד גמור,

---

ביאור לד"ה לכה דודי תרפ"ט, (משיחת ש"פ תצא, י"ג אלול תשי"ד)

<u>הנחה בלתי מוגה,</u>

לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה, ומביא כ"ק מו"ח אדמו"ר בשם פרדר"א פ"ט שהחתן דומה למלך והכלה למלכה, דחתן זה הקב"ה וכלה היא כנס"י, ובהספירות העליונות הו"ע ז"א ומלכות, דחתן הוא בחי' ז"א וכלה היא בחי' מל', וזהו לכה דודי לקראת כלה, שיהי' המשכת הז"א, למלכות, וסדר ההמשכה מבאר בהמאמר שם, אשר תחלה צ"ל השפעה בבחי' חיצוניות ואח"כ היא השפעה פנימית, ומבאר זה בכמה משלים.

והנה בענין ב' השפעות אלו הנה עם היות אשר לכאורה נעלה יותר מהשפעה פנימית, שהרי מה שהשפעה אינו מתקבלת בפנימיות כלי המקבל הוא לפי שהוא למעלה מכלי המקבל, והו"ע המשכת המקיף, בכ"ז הנה באמת המשכה הפנימית מגיע למעלה יותר, שנראה זה גם בכל המשלים הנ"ל.

ב) והנה אחד הדוגמאות מבאר בהמאמר מענין השפעת השכל מרב לתלמיד אשר התחלת ההשפעה היא בבחי' חיצוניות, וכדאי' בגמרא (פסחים קי"ז א) רבה מקמי' דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן ולבסוף יתיב באימתא ופתח בשמעתתא,

והנה שרש המילתא דבדיחותא היא למעלה משרש השכל וממ"ש כ"ק אדמו"ר האמצעי ששרש השחוק הוא בעצמות מקור התענוג שלמעלה מכל תענוג מורכב, (דמזה מובן אשר הוא נעלה יותר משרש השכל, שהרי התענוג דשכל הוא תענוג מורכב משא"כ שרש השחוק הוא בתענוג הפשוט) אבל מ"מ הוא רק בחי' חיצוניות התענוג, היינו בחי' תענוג המורגש (אלא שאינו מורכב בשום דבר והוא תענוג פשוט אבל מ"מ הוא תענוג המורגש) וע"י השפעת הפנימיות להתלמיד, הרי מגיע בבחי' תענוג עצמי הבלתי מורגש, דזהו ומתלמידי יותר מכולם.

מקור משל זה הוא מאדמו"ר האמצעי בתו"ח שם, אמנם שם מבואר הענין בפ"ע ולא בתור משל לענין לכה דודי, ובד"ה סמוכים לעד

לעד פר"ת (שאמר כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע ביום הולדתו (כ׳ מ"ח)
האחרון בעלמא דין) כותב ענין זה בדרך אפשר בחור דוגמא לענין לכה
דודי, וכ"ק מו"ח אדמו"ר משמיט תי׳ "ואפשר" וכותב זה בפשטות,

באחד המאמרים שאמר כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע ביחידות לבנו
כ"ק מו"ח אדמו"ר, אמר ענין בדרך אפשר (הענין הוא משל מכח הציור
שבנפש). אח"כ היה כ"ק מו"ח אדמו"ר אצל חותנו (ר׳ אברהם בקעשענוב,
ובקשו לחזור דא"ח, באמרו: עפעז נאר אויף דעם קראַן וועט זיך שוין
גיסן, וחזר את מאמר הנ"ל ענין הנ"ל פשטות, כשחזר לליובאוויטש
סיפר לאביו את כל המאורע, שאלהו כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע, הא
מניין לך ? הרי אמרתי רק בדרך אפשר ? וענה : מה שאצלך בדרך אפשר
נעשה זאת אצלי דבר ודאי -

ג) והנה מבארים עוד מָשל על זה, בבן יניק וקטן כשאביו רוצה
להשתעשע עמו פא"פ, והרי התינוק הוא קטן, צריך האב להשפיל את ידיו
שהם גבוהים ונעלים מראש התינוק עד למטה מתחת התינוק ולהגביהו עד
ראשו של אב ואז ידבר וישתעשע עמו פב"פ, והרי ההמשכה של חסד האב
בהשפלת ידיו הוא חיצוניות, שהוא רק להגביה את התינוק, וכן התינוק
אינו מקבל שום דבר בהגבהה זו, כי הלא לא יש בזה שום השפעה, דהשפעה
והשעשועים עם בנו הוא רק אח"כ כאשר כבר הגביהו ורק שא"א להיות
ההשפעה בקירוב ובפנימיות יהי׳ תחלה קירוב ועליית המקבל, שהוא
הקירוב החיצוני שהוא בשביל ההשפעה פנימית.

והנה משל זה הוא מהה"מ ממעזריטש נ"ע, ובהמשל ישנם עוד
כמה תיבות שלא נעתקו בהמאמר והוא, אשר התינוק משתעשע בזקנו של האב,

והנה מובן אשר בהמשכת הפנימי על המשכת המקיף, שהמקיף עם
שהוא למעלה מהשתל׳ בכ"ז הוא הארה בלבד, כידוע בענין השערות שהוא
בחי׳ הארה בלבד, וגם ידוע אשר י"ג תקוני דיקנא (בחי׳ זקן) הו"ע
יגמה"ר, אשר יגמה"ר הנה אף שהם למעלה מהשתל׳ בכ"ז הם שייכים
לעולמות, כמ"ש זכור רחמך גו׳ כי מעולם המה, שלכן נק׳ בשם מדות,
מלשון מדידה והגבלה, אמנם בהמשכת הפנימי שאח"כ הרי בזה נמשך העצם
וע"ד הידוע במעלת יחוד זו"ן על יחוד או"א.

ד) והנה כמו"כ הוא גם בעבודת התפלה, אשר הוא התחלת עבודת
כל היום, וכמ"ש חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה נחשב הוא, א"ת
במה אלא במה, פי׳ חדלו לכם, הבדלו עצמכם מן בחי׳ אדם כזה שנשמתו
רק באפיו, שלא נתפשטה עוד נשמתו בכל גופו, כי במה נחשב, שהוא נחשב
כמו במה.

וטעם הדבר ביאר הבעש"ט על יסוד כהאריז"ל, דאיתא בהאריז"ל
ביאור מרז"ל כבד את אביך לרבות אחיך הגדול, ומבאר האריז"ל לפי
שרווא הוא דשביק בגוי׳, והיינו שבבן הראשון יש בו רוח האב יותר
מאשר בשאר הבנים, ולכן צריך לכבדו כי הוא בכלל כיבוד האב (היינו
שמכבדים את רוח האב אשר בו).

ובזה יובן

ובזה יובן ג"כ מה שהלימוד לכיבוד אחיו הגדול הוא מפסוק כבד את אביך דוקא, לפי שזה נכלל ג"כ בכלל כיבוד אב.

ועל יסוד זה ביאר הבעש"ט טעם איסור עשית צרכיו קודם התפלה, לפי שהמחשבות, דיבורים ומעשים של כל היום תלויים בהמחשבה, הדיבור ומעשה הראשונה בקומו משנתו, לפי דרותא הוא דשבק בגוי'.

והנה סדר עבודת התפלה הוא אשר ~~הוא~~ המשכה חיצוניות וקירוב כללי בלבד ~~(ספק אם קאי על תחלת התפלה או על כללות ענין~~ התפלה) ואח"כ הוא ממשיך את אור האלקי בכל עניניו הגשמיים ועושה מהם כלי לאלקות, שזה מגיע למעלה יותר, כמ"ש ורב תבואות בכח שור,

ה) והנה כמו"כ הוא גם בענין יחוד ז"א ומלכות, אשר בתחלה הוא המשכת המקיף, שהוא המשכה נעלית שלמעלה מהשתל' דהמשכה זו אינה נקלטת במל' בפנימיותה, לפי שהוא למעלה מהגבלת הכלים, אך ע"ה שהוא למעלה מהשתל' מ"מ הוא הארה בלבד, משא"כ בהמשכה פנימית היינו שההשפעה מתקבלת בהמל' בפנימיותה, הנה זה מגיע למעלה יותר.

דהנה שרש המלכות הוא למעלה משרש הז"א, דשרש הז"א הוא מחיצוניות הכתר ושרש המל' הוא מפנימיות הכתר, והגם שגם בז"א איתמר דז"א בעתיקא אחיד ותליא, הרי ידוע שאין הכוונה על עתיק ממש, משא"כ המלכות שרשה ברדל"א, אלא שמצד ירידתה למטה היא צריכה לז"א שיגלה בה את שרשה.

ולכן הנה בהשפעה חיצונית מאחר שהוא מצד הז"א הוא רק מחיצוניות הכתר (ע"ד הנ"ל בענין הדיקנא שהוא אור השייך לעולמות) משא"כ בהשפעה פנימית, שההשפעה מתקבלת בהמל' בפנימיותה, הנה מצד המל' ה"ז מגיע בפנימיות הכתר.

ובזה יובן ג"כ מה ששבת מקודש מכל הימים, ועוד יותר אשר שבת משפיע בהם כמאמר מיני' מתברכין כולהו יומין, ולכאורה א"מ שהרי מצינו אדרבה ששבת מקבלת מכולם כמאמר מי שטרח בערב שבת (שהכוונה הוא על כל ששת ימי החול) יאכל בשבת, וגם בענין הספירות, הרי ידוע ~~אשר~~ ששת ימי החול הם בז"א כמ"ש ששת ימים עשה הוי' וגו' ואיתא בזהר דכל יומא ויומא עביד עבידתי', ושבת הוא בחי' מלכות, דלית לה מגרמא כלום ומקבלת משארי הספירות, שהוא לכאורה היפך הנ"ל.

אך הענין הוא ששרש המל' הוא למעלה משרש הז"א כנ"ל אלא שמצד ירידתה בכלל, וע"י ירידתה בבי"ע בפרט, רגלי' יורדות וגו', היא צריכה לז"א, ולכן צריכים לעבודת הבירורים דששת ימי החול, אמנם אח"כ הנה המל' מתעלית לשרשה ומשפעת גם לז"א, אשת חיל עטרת בעלה.

ו) וזהו לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה, אשר בקשת נש"י שיהי' המשכת הז"א ומל', שתחלת ההמשכה הוא בבחי' חיצוניות בלבד, דזהו דיוק לכה, בחי' הילוך בחיצוניות בלבד, אבל ע"י זה יהי' אח"כ פני שבת נקבלה, פני הוא בחי' פנימיות, שמתגלה בחי' פנימיותה כמו שהיא מושרשת בפנימיות עתיק.

וכמבואר

וכמבואר בכל דוגמאות הנ"ל - א) מילתא דבדיחותא, ב) שעשועים עם בנו הקטן, ג) עבודת התפלה - אשר התכלית הוא ההשפעה פנימיות שעי"ז דוקא מגיעים למעלה יותר, כמאמר ומתלמידי יותר מכולם

דזהו ג"כ בהשפעת השכל אשר בכללותה היא השפעה חיצוניות, ומ"מ הנה ע"י המקבל מגיע להעצם (היינו בחי' העצם שייך להשפעה זו), ומזה יובן במכ"ש בענין יחוד זו"ן למעלה, ודוגמתם יחוד חתן וכלה למטה, במעלת ענין יחוד פנימי ומעלת המקבל, דאשת חיל עטרת בעלה והכל הי' מן העפר, שעי"ז נמשך כח הא"ס בדור ישרים יבורך בבנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות.

---

ביאור להמשל דמילתא דבדיחותא שבסעיף ב' בד"ה לכה דודי תרפ"ט.
(משיחת חג השבועות תשי"ג). <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

כ"ק מו"ח אדמו"ר איז מבאר אין א מאמר (ד"ה לכה דודי קו' ב') דעם ענין וואס עס שטייט אין גמרא (פסחים דקי"ז ע"א) רבה מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחתא כו' און נאכעהר פתח בשמעתתא איז ער מבאר דארטן דעם טעם פון דעם, ווײלע פאר ד'עם קירוב פנימי דארף זיין א קירוב חצוני, וואס דאס איז א הכנה צו דעם קירוב פנימי.

מילתא דבדיחותא איז דאס שיחות חולין, וואס דאס איז א ענין חצוני, ווארום הגם אז שיחות חולין של תלמידי חכמים צריכים לימוד, און וואס דער חכם איז א גרעסערער דארף די שיחות חולין האבן מער לימוד, פונדעסטוועגן איז דאס פארט מער ניט ווי שיחות חולין, און אויב בא דעם תלמיד פעלט ביטול, קאן ער מיינען אז דאס איז שיחות חולין ממש, הגם אז אויך די דברי חכמים נעמט דער תלמיד מער ניט ווי לפי ערכו, אבער פונדעסטוועגן איז דאך אויך ווי דער תלמיד נעמט דאס איז דאס מער ניט ווי שיחות חולין, ~~וואס דער טעם אויך דעם איז, ווײל די שיחות חולין איז א ענין חצוני~~, איז די שיחות חולין וואס דאס איז א קירוב חצוני איז דאס א הכנה צו די השפעת החכמה וואס דאס איז דער קירוב פנימי.

דער סדר אז פריער דארף זיין א קירוב חצוני און דער נאך דוקא קאן זיין דער קירוב פנימי, איז דאס בא א רב ותלמיד, א משפיע אמיתי און א מקבל אמיתי, דער משפיע איז א משפיע אמיתי, ד.ה. אז ער איז מער ניט ווי א משפיע, בא אים איז ניט שייך קיין ענין פון מקבל ווײלע אלץ ווייס ער, ווי עס שטייט דער לשון אז מען קאן בא אים פרעגן חללא דהאי עלמא, וואס דאס מיינט חלל ומקום פנוי, וואס דאס איז גאנץ סדר השתל', דערפאר האט ער געזאגט מ"ש עזי מסגי ברישא והדר אימרי ווײלע ברישא חשוכא והדר נהורא, וואס דאס איז דער ענין הצמצום

הצמצום ד.ה. אז דער משפיע ווייס אלע ענינים, און דער מקבל איז
אויך א מקבל אמיתי, ד.ה. אז איך אים איז ניטא מער ניט ווי דער
עניך פון מקבל, ווארום ער לייגט אוועק אלע זיינע ענינים און ער
שטייט מיט א ביטול צו דעם רב, ששפתותיו נוטפות מור, איז בא א
משפיע אמיתי און מקבל אמיתי דארף זיין דער סדר אז פריער דארף
זיין דער קירוב חיצוני און דער נאך דער קירוב פנימי.

וואס אזוי איז אויך דער סדר בא חתן וכלה, וואס
פריער דארף זיין די באדעקעניש, וואס דאס איז דער מנהג ישראל
תורה וואס דער חתן באדעקט די כלה, וואס דאס איז א עניך פון מקיף
אויך איז פראן די נתינת טבעת מהחתן לכלה וואס דאס איז אויך א
עניך פון מקיף, וואס דאס אלץ איז דער מקיף הפרטי פון דער כלה,
אויך איז פראן דער עניך החופה וואס דאס איז דער מקיף כללי אויף
ביידן, וואס דאס אלץ איז א הכנה צו דעם יחוד פנימי.

אזוי איז אויך למעלה, אז פאר דעם יחוד דארף זיין
המשכת המקיף, ווי עס שטייט על כל כבוד חופה, אין כבוד איז פראן
צוויי מדריגות, כבוד נברא און כבוד נאצל, כבוד נברא איז מלכות
און כבוד נאצל איז בינה, און אין ביידן איז פראן דער עניך היחוד,
אין מלכות דער יחוד מיט ז"א וואס דאס איז יחוד זו"ן און אין בינה
דער יחוד מיט חכמה וואס דאס איז יחוד או"א, איז פאר דעם יחוד
דארף זיין פריער די המשכת המקיף וואס דאס איז א הכנה צו דעם יחוד,
וואס דאס איז דער פשט על כל כבוד חופה, אז פריער דארף זיין די
המשכת החופה — מקיף — אין כבוד, המשכת המקיף מחכמה לבינה און
המשכת המקיף מז"א לנקו׳, וואס נאך דעם דוקא קאן זיין דער יחוד,

און דאס איז וואס עס שטייט לכה דודי לקראת כלה, כלה
איז דאס כנסת ישראל, איז דער סדר ההמשכה אין כנס"י, אז פריער איז
דער לכה דודי, קירוב חצוני, ווארום לכה דודי איז דער עניך ההילוך
וואס דאס איז חצוניות, און דאס איז א הכנה צו דעם פני שבת נקבלה
דער קירוב פנימי.

---

מנהגי

# מנהגי נישואין

קטע משיחת כ"ק אדמו"ר שליט"א

אין מנהגי בית הרב זיינען דא אויך מנהגי נישואין, און זיי זיינען מדוייק ביות, אזוי ווי אלע מנהגי בית הרב.*

מנהגי בית הרב זיינען איינגעטיילט אין א) מנהגים כללים, די מנהגים וואס מען האט זיי מפרסם געווען ברבים. ב) מנהגים פרטים, די מנהגים וואס מען האט זיך נוהג געווען בחשאי.

די לעצטע יארען פון חיים חיותו בעלמא דין האט דער רבי 1) מגלה געווען א סאך מנהגים, אויך פון די מנהגים וואס מען האט זיך נוהג געווען בחשאי, קענענדיג דעם יחס און דעם ווען אויספאלגען זיינע רייד און דעם פרסום וואס זיי וועלן באקומען - איז דאס ניט געווען סתם א ענין פון דרוש וקבל שכר, נאר א ענין פון הוראה בנוגע לפועל, ד.ה. אז די אלע וואס צו זיי איז דערגאנגען די הודעת המנהגים, זאלן זיי, נאך א הכנה במדה ידועה, אנהייבן פירן זיך אזוי בפועל, און - מיוסד אופן כלל גדול בתורה ואהבת לרעך כמוך - זאלן זיי דאס אויך איבערגעבן צו די וואס ווייסן ניט דערוועגן פון דעם, אז אויך זיי זאלן זיך אזוי פירן.

און בדוגמא ווי בנוגע צו כללות תורת החסידות האט דער רבי איבערגעזאגט בשם פון אלטן רבי'ן, אז עס איז ניט ~~נאר~~ פאר א כתה אדער א טייל פון אידן, נאר עס איז פאר אלע אידן, אזוי אויך - מנהגי ודרכי החסידות.

הגם עס איז ידוע אז מען דארף זיך ניט אנכאפן אין הידורים וואס מען איז ניט שייך צו זיי.

אמאל איז אויך דא א חשש, אז ער וועט אן נעמן דעם הידור פאר אן עיקר און אויפן עיקר ניט משים לב זיין כדבעי, פונדעסטוועגן, איז די ענינים וואס מען האט מגלה געווען און זיי זיינען דערגייגען צו איהם, וואס יעדער זאך איז דאך בהשגחה פרטית, איז קרוב לודאי אז דאס איז א הוראה מלמעלה, אז עס האט צו איהם א שייכות (וכמובן - דארף ער באווערנען דעם חשש האמור).

און די טענה אז וויבאלד ער איז נאך ניט בשלימות אין קלענערע ענינים, איז ער ניט שייך צו העכערע - אויף דעם איז דער ענטפער אין דעם בריף 2) פון רבי"ן (מהורש"ב) נ"ע (אויף דעם " סמוך לפלטין שלך לא כבשת "), בהדי כבשא דרחמנא למה לך, יעדער ענין וואס

עס מאכט

* הנחה בלתי מוגה

1) כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע.

2) ראה מבוא לקונטרס ומעין ע' 22.

צום

עס מאכט זיך ~~אדבטעסוק~~ האנט, דארף מען דאס נעמען און טאן, אויב עס וואלט ניט זיין שייך צו אים, וואלט מען מלמעלה א דאס ניט מזמין געווען, ובפרט די ענינים וואס, כנ"ל, האט דער רבי זיי מגלה געווען באופן של פרסום והפצה ביז צו חוצה.

* און דורך דעם וואס מען וועט זיך אזוי פירן, וועט זיין גרינגער צו דורך גיין דעם חושך.

די וואס ווילן פטור ווערן פון דעם חשך כפל ומכופל וואס אין עולם, און פאַרטרייבן אים פון זיך, זאלן זיי זיך פירן כפי מנהגי ודרכי החסידים, ומנהגי בית הרב, אפילו מעט אור דוחה הרבה חושך, און פתחו לי כחודו של מחט, ומכ"ש הרבה אור.

דאס איז וועגען דעם ענין המנהגים בכלל, די מנהגים וואס איז שייך צו חתונה בפרט – זיינען א ודאי נוגע צו אלעמען, ווארום אין נישואין דארף דאך נתגלה ווערן דער כח הא"ס בדור ישרים יבורך, איז דער כח הא"ס ווערט נמשך ונתגלה דורך דעם נשיא הדור, דערפאר דארף מען זיך נוהג זיין במנהגי בית הרב.

ג"י בעל

* הנחה בלתי מוגה.

**פרטי מנהגי נישואין**

נרשם אצל אחד

בשבוע שלפני החתונה נמנעים החו"כ מלהתראות אפילו ביום.

" חתן בשבת שלפני חופתו קוראין אותו לתורה, דחו"כ מקיימים את העולם להעמיד בנים עוסקים בתורה, לזאת הנה קוראין אותו לקרוא האותיות שבתורה שהם המקיימים עשרה מאמרות".

" ידוע ומפורסם אשר בעת שמחת נשואין קומען נשמות האבות מן העולם האמת, ביז ג' דורות למפרע איז בכל ישראל, און פראן וואס מער און מער ".

כ"ק מו"ח אדמו"ר (מוהריי"צ) נ"ע צוה שהכלה תאמר מזמורי תהלים מסויימים ביום החופה, איזה – איני יודע, ובאם אפשר – תאמר התהלים כולו, וממילא יהי' בזה גם מזמורים הנ"ל.

מנהג בית הרב: החתן מסדר לימודיו באופן אשר עוד קודם החתונה יקבל סמיכה (לרב).

כ"ק מו"ח אדמו"ר התענה ~~[illegible]~~ ביום החופה של בנותיו תחיינה,

באם החופה בעוד יום, אין החו"כ צריכים להשלים התענית.

נוהגין אשר החתן – (באם אי אפשר – מי מהמחותנים) – יחזור בעת הקבלת פנים את ד"ה לכה דודי דשנת תרפ"ט.

שושבינין

חתן ... מאמרות: דרושי חתונה, תרפ"ט (בספר הקונטרסים יט, ב, עיי"ש בארוכה). ידוע ומפורסם..מער: שם (לח, ב), נוהגין.. דשנת תרפ"ט: מאמר זה אמרו כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע בעת הקבלת פנים של חתונת בתו הרבנית חי' מושקא שתליט"א וחתנו כ"ק אדמו"ר שליט"א, וטרם

שושבינין - המנהג שיהי' - מכל צד - זוג נשוי.

באם האב נשוי לאשה אחרת (וכן אם האם נשואה לאיש אחר) כדאי שנוסף על שושבינין זוג נשוי יסובבו גם האב עם זוג' (או האם עם בעלה),

נוהגין אשר את החתן מוליכים האבות של החו"כ, ואת הכלה מוליכות האמהות של החו"כ.

בעת שמוליכין את החתן לבאדעקעניש, וכן אח"כ כשמוליכין החתן והכלה לחופה - מנגנים ניגון אדה"ז של הד' בבות.

נוהגין אשר גם השושבינין - הן האנשים והן הנשים - יסובבו את החתן ביחד עם הכלה.

מנהגנו אשר החתן תחת החופה מלובש קיטל, ומפני דה ביוהכ"פ שלאחרי חתונתו אין לובש קיטל ומתחיל בשנה שלאחרי'.

תחת חופתו, וכן בתפלת המנחה שלפני זה בה אומר על הסא, ומחופה ולהבא - מתפלל חגור אבנט.

מתירים כל הקשרים שבלבושי החתן (כמו העניבה, בשרוך הנעל וכיו"ב),

לא יהיו בכיסו מטבעות, חפץ כסף, זהב ואבנים טובות וכיו"ב בעת הקדושין. (וכן לא בלבושיו כמו מחט כסף כו', ועכו"כ שלא יהי' בידיו).

מקדשין בטבעת של זהב חלקה, שלא יהי' חרות בה (גם לא בפנים) שום דבר.

בנוגע לניקוד ברכת שמח תשמח - כמדומה ברור שאומרים שמח כולו פתח.

הכוס שעליו מברכין את השבע ברכות - לאחרי שיטעמו ממנו החו"כ, נותנים למי שהוא לסיימו וכוס זה שובר החתן ברגלו הימנית.

לאחרי החופה קודם שנכנסים לחדר יחוד, מניחים כף של כסף על האסקופה והחתן צועד " איבער איר " - עליו מלמעלה, ואח"כ נכנסת הכלה,

במשך שבעת ימי המשתה משתדלים שהחתן אז הכלה לא ילכו לבדם, גם שניהם יחד לא, אלא בלוית עוד אחד.

עושים שתי חופות של שתי אחיות בשבוע אחד, אבל לא ביום אחד,

כמדומה שגם בחודש תשרי מנהגנו הוא לעשות חופה רק בחצי חדש הראשון, ובמקום עשית חופה בחדש חשון עושים זה בחדש כסלו, גם בחצי השני של חדש כסלו.

---

בחד':

פתח באמירת המאמר אמר סע"י אמירת מאמר זה מזמין את האבות הקדושים להשתתף בהחתונה (המאמ' והשיחה נדפסו בספר הקונטרסים כרך א').

עושים שתי חופות .. ביום אחד: הוראת כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע.

כמדומה: ממכתב כ"ק אדמו"ר שליט"א.

בחדש אדר וכן בחדש אלול עושים החופה בכל ימי החודש כיון שהוא חודש הרחמים.

בחודש אלול: הוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א.

ע"כ נעתק מספר המנהגים

...וכמדומה שכמ"כ אצל אאזמו"ר הגאון ז"ל (רבינו הזקן) שהוא הי' הקורא תמיד לא היו מוסיפין על ז' קרואים אף בשבת שיש בו חתונה כו', אך אם נצרך מאד להוסיף בשבת שיש בו חתונה, אזי יש עצה אם היותר על השבעה קרואים יקראו בעצמם בס"ת בקול רם (שו"ת צ"צ האו"ח י' לה (מז, ג), וראה שם שהאריך בכל זה.)

די כתובה שרייבט מען מבעוד יום, ניט סמוך לחופה נאר בייטאג, מען איז מקבל קנין, מען שרייבט און חתמ'עט, אלץ בייטאג, און בשעת החופה איז מער ניט ווי מסירת הכתובה, ס'איז מתאים אויך עפ"י נגלה, ווארום עפ"י דין קען זיין דער שעבוד הכתובה, אויך כמה ימים קודם הנשואין.

בשעת מען האט געפירט דעם חתן - כלה אין חדר היחוד, - דער חדר היחוד איז געווען אין איינעם פון די צימער פון דער ישיבה, די חופה איז געווען אין דער ישיבה (ד.ה. די חופה איז געווען אויפן הויף פון דער ישיבה, תחת כיפת השמים, און די קבלת פנים מיטן חדר היחוד זיינען געווען אין צימערן פון ~~פון~~ דער ישיבה) און די סעודה איז געווען ~~אויף~~ אן אנדער ארט, ווייל דער רבי האט געזאגט אז אין ישיבה זאל זיין נאר דער חלק הרוחני פון דער חתונה - איז הגם אז דאס הייסט חדר היחוד, פונדעסטוועגען זיינען דארטן אריין אויך די מחותנים, והשמש אחד עפ"י הציווי, דער רבי האט אנגעגאסן א גלאז ווי צו חתן כלה, און דער נאך איז ער אוועק.

דער מהרש"ל בסוף מס' ..... ברייינגט כמה חילוקי מנהגים פון בבלי מיט ירושלמי, אזוי איז אויך ~~פראן~~ אפגעדורקט א כת"י פון חילוקי מנהגים, פון בבלי מיט ירושלמי, מנהג הבבלי איז אין: ... אז מען איז מקדש מיט א טבעת, לכאורה האט די טבעת געדארפט זיין פון כסף, מצד כמה טעמים: א) דער לשון המשנה איז בכסף ובשוה כסף, ב) אויך אין קבלה האט א ארט עס זאל זיין א טבעת של כסף, ג) נשואין איז דאך א ענין של אהבה.

— אין דער נוסח ההזמנה פון דער חתונה, איז געווען פיר פסקאות, און אותיות פון די ראשי פסקאות זיינען געווען אהבה, דער רבי האט ניט געוואלט אז מען זאל זיך כאפן אויף דעם, כדי עס זאל ניט זיין קיין יניקה לחיצונים, אבער מען האט געכאפט - און כסף איז מלשון אהבה, ווי עס שטייט נכסוף נכספתי.

אבער לפועל איז געווען א טבעת של זהב, טעמים זאל יעדער איינער

איינער זאגן וואס ער וויל, אבער אזוי איז געווען, - דער רבי פלעגט זאגן, אזוי האב איך געהערט -

די טבעת איז געווען א גלאטע, ד.ה. אז אויף איר איז גאר נישט געווען אויסגעקריצט, עס איז דאך פראן אזוינע וואס קריצן אויס אויפן טבעת דעם יום הנשואין, איז דאס דארף א ודאי ניט זיין בשעת הנשואין, מצד אנדערע טעמים, אבער דער רבי האט מדייק געווען אז קיין זאך זאל ניט זיין אויפן טבעת אפילו דעם חותם פון רעגירונג וועגען די פרוב פון די גאלד, האט ער אויך געהייסן אפרייבן.

דער חתן הייבט אן צו אנטאן דעם טבעת אויפן פינגער פון די כלה בא דעם ווארט הרי את, און בא דעם לעצטן ווארט, וישראל טוט ער אן גוט און נעמט זיין האנט, וואס דערמיט גייט ארויס דער טבעת פון זיין רשות און ווערט איר'ע.

ווי געזאגט פריער אז די מנהגים זיינען מדויק ביותר, איז דער דיוק אויף אזוי פיל, אז מען האט מדייק געווען אפילו אין דער נוסח ההזמנה (של הנשואין).

- בשעת עס איז געווען די חתונה פון דער שוועגערן (הרבנית שיינא) האט דער רבי געהייסן אז מען זאל מעתיק זיין דעם נוסח ההזמנה פון אונזער חתונה, האב איך געפרעגט דעם רבי'ן, פון וואנעט איז דאס ? האט ער געענטפערט אז דאס איז גענומען געווארן פון זיין חתונה -

אין דעם נוסח ההזמנה פון דער חתונה איז געשטאנען אז די חתונה וועט זיין בשעה בחמישית בערב, הגם אז דאס איז געווען ווינטער און דאס איז געווען זומער, איז אבער אומעטום געשטאנען דער זעלבער זמן - בשעה החמישית בערב.

די חופה אליין איז געווען בא נאכט, בא מיר אליין איז די חופה געווען גאר שפעט מצד א טעם חיצוני - אבער די קבלת פנים האט מען מדייק געווען, עס זאל זיך אנהייבן בשעה החמישית בערב.

(משיחת ש"פ וישלח י"ד כסלו תשי"ד),

טרם שפתח כ"ק מו"ח את הדרוש " לכה דודי " באולם הישיבה " תומכי-תמימים " בעת הקבלת פנים אמר בזה"ל: " ידוע ומפורסם אשר בעת שמחת נישואין קומען נשמות האבות מן העולם האמת, ביז ג' דורות למפרע איז בכל ישראל, און פראן וואס מער און מער, וואס אין דעם איז מדריגות שונות, ובתור הזמנה לנשמות הצדיקים הוא כ"ק אבותינו רבותינו הק' אשר יבואו אל החופה ולברך את הזוג, וועט מען איצט ריידן א חסידות, וואס א חלק איז פון אלטען רבי'ן א חלק פון מיטעלן רבי'ן, א חלק פון עלטער זיידן, א חלק פון זיידן דער עלטער זיידע של הכלה, א חלק פון עלטער עלטער זיידן של החתן, א חלק פון טאטן דעם כלה'ס זיידע, האומר שמועה בשם אומרו יהא רואה כאלו בעל השמועה עומד לנגדו ".

געוויס איז אין דעם מאמר געווען אויך דיינער - דעם רבי'נס - א אייגענער עניך, כאטש ער האט דאס ניט געזאגט בפירוש וואָרום הגם אז לכאורה האט ער ניט געדארפט מזמין זיין זיך, וואָרום ער איז דאך דאָרטן אליין געווען, אבער אזוי איז דער סדר, אז אלע ענינים קומען דורך דעם צנור פון תורה,

אזוי ווי מיר גייען דאך אין דעם רבי'נס הדרכות והנהגות, במילא זאל מען אויף אלע התונה'ס אויך פון אנ"ש מקושרים ושייכים, חזר'ן דעם מאמר לכה דודי פאר דער חופה, צי דער חתן צי אן אנדערער, וואָס אין דעם מאמר איז פראן א חלק פון אלע רביים, כ"ק מו"ח אדמו"ר ולמעלה ממנו - איך וויים ניט צי מען דארף זאגן למעלה ממנו, איך מיין פשוט פריער אין זמן - וועט דאס זיין א הזמנה צו די נשמות הרביים וואָרום צדיקים זיינען דומים לבוראם, איז אזוי ווי למעלה שטייט אנכי ר"ת אנא נפשי כתבית יהבית אז דער אויבערשטער האט זיך אריינגעשריבן אין דער תורה, אזוי אויך צדיקים האבן זיך אריינגעשטעלט אין זייערע חסידות.

(משיחת חגה"ש תשי"ג.)

הוראה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז דער חתן דארף עטליכע טעג - ער האט ניט געזאגט וויפל, נאר עטליכע טעג סתם - פאר דער חתונה ניט זיין אליין צוליב שמירה.

(בסיום השיחה אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א): בשעת דער חתונה איז דער רבי ארום געגאנגען מיט א פלעשיל משקה און א קעלישיק ~~איבער~~ אלע שולחנות און געגעבן זאגן לחיים, בשעת ער איז צוגעקומען צו דער שולחן פון די תמימים, האט ער זיי אויך געגעבן משקה, און גערעדט פאר זיי א גאנצע רייד, די רייד האט זיך אנגעהויבן, אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עלי', און איר - האט דער רבי געזאגט צו די תמימים - גייט אויף דעם, און דערפאר האט ער זיי געבענטשט, ובתוך הברכה האט ער געזאגט אז זיי זאלן לערנען נגלה און חסידות.

עס מוז זיין אויך דער לימוד פון נגלה, וואָרום א נשמה אן א גוף טויג ניט.

אבער כשם ווי א נשמה אליין טויג ניט, איז דאך א גוף אן א נשמה טויג אויך ניט במילא מוז מען לערנען חסידות און פירן זיך בדרכי החסידות וואָס די נשמה פון תורה גיט א חיות אויך אין דעם גוף פון תורה, וואָרום התלבשות הנשמה בהגוף איז ניט אזוי ווי א דבר טוב וואָס געפינט זיך אין א קליפה, וואָס די קליפה ווערט ניט נשתנה עס איז מער ניט ווי ריחו קלט, משא"כ התלבשות הנשמה בהגוף, איז ע"י הנשמה הייבט אן דער גוף אליין צו לעבן, אז דער גוף ווערט א דבר חי.

די התקשרות פון אידן מיטן אויבערשטען איז דאך דורך תורה

תורה כמאמר ישראל מתקשרין באורייתא ואורייתא בהקב"ה, איז אויב מען וויל פארבינדן ביט נאר די גליא פון דער נשמה מיט גליא דקוב"ה נאר מען וויל פארבינדן אויך דעם סתים דנשמה מיטן סתים דקוב"ה, איז ווייניק דער לימוד פון גליא דתורה, נאר מען דארף לערנען אויך סתים דתורה.

בכלל א חתונה איז א ענין כללי בא א איש פרטי, אבער בא מיר איז דאך דורך דעם בין איך שפעטער אריינגעצויגן געווארן אין ענינים כללים, און דאס איז דאך דער טאג וואס מען האט פארבונדן מיר מיט אייך, זאל דער אויבערשטער העלפן, מען זאל זען פרי טוב בעמלינו, - זאגט דעם בעש"ט ניגון, אח"כ צוה לנגן הניגון הבינוני, הניגון אני מאמין, וניגון רבינו הזקן, אח"כ צוה להתלמיד ים לומר לחיים און בעסן הצלחה אויף נגלה און אויף חסידות, אח"כ צוה לנגן את הניגון ניע זוריצי חלפצי.

(משיחת ב׳ דר"ח כסלו תשי"ג,)

* הנהגת בית הרב איז, אז פאר דער חתונה לערנט מען אויף(און-נעמען) סמיכה אויף הוראה, הגם ס׳איז הנהגת בית הרב, אבער ווי גאזאגט שוין כמה פעמים אז אלע מנהגים שנתפרסמו זיינען שייך צו אלעמען.

דער טעם אויף דעם איך פשטות איז, ווייל אין א שטוב מאכט זיך דאך פארשידענע שאלות, און ניט אלע מאל קען מען גיין צום רב פרעגן, דארף מען זען עס זאל זיין א רב אין שטוב.

במילא איז סיי די בחורים, סיי די יונגע לייט, וואס זיינען שוין נאך די חתונה, זאלן זען ארויסנעמען סמיכה.

באמת האט געדארפט זיין, אז פריער האט מען געדארפט קענען גוט לערנען.

כ"ק מו"ח אדמו"ר האט חתונה געהאט צו זיבעצן יאר, ער האט שוין דאן געקענט גוט לערנען, און דער וואס האט אים מסמיך געווען האט אים גוט געמאטערט מיט דער סמיכה, נאר צום סוף האט ער אים געגעבן, און ער האט דאס כשר פארדינט, ס׳איז ניט געווען נהמא דכסופא -

אבער לכה"פ לערנען שו"ע מיט באה"ס, דערנאך ש"ך און ט"ז דער נאך קטעים קטעים טור ובית יוסף.

עס איז ניט נוגע די פאפירן, עס איז נוגע אז מ׳זאל טאקע וויסן די דינים, יו"ד, אביסל אבע"ד און או"ח ובפרט הלכות שבת.

בא די בחורים מטנט מען טאקע זיי זאלן נעמען סמיכה, און די מסמכים זאלן זיין מחמירים, בכדי מ׳זאל וויסן אז זיי האבן טאקע אויסגעלערנט די דינים.

* ראה בלקו"ש ח"א, ע׳ 52 ואילך, באריכות.

אזוי ווי אויף דעם ענין פון לימוד החסידות, איז כ"ד טבת א זמן מסוגל צו דעם, אזוי איז אויך צו דער ענין פון סמיכה, איז כ"ד טבת א זמן מסוגל צו מאכן א התחלה, וואָרום דעם אלטען רבי'נס ענין איז דאך אויך גליא דתורה, ובפרט עניני'ם פון הלכות, איז א ודאי נוגע צו כ"ד טבת, וואָרום דער אלטער רבי האט דאך געמאכט א שו"ע פאר כלל ישראל והלכה כמותו ובמילא איז אין ביידע עניני'ם סיי דער ענין פון לימוד החסידות סיי דער ענין פון לערנען די הלכות אז מען וועט מאכן א התחלה אין דער אלטען רבי"נס הילולא וועט דאס זיין בהצלחה.

(משיחת כ"ד טבת תשי"ב,)

מכתב מכ"ק אדמו"ר שליט"א, אד"ר תש"ב.

שלום וברכה !

במענה על הודעתו מקישורי התנאים שלו-

ויהי רצון שיקויימו כל הברכות אשר ברכם כ"ק מו"ח אדמו"ר שליט"א וכמשמעם בטוב הנראה והנגלה.

וי"ל בדיוק לשון שטר התנאים בראשיתו ועקרו - כפי מנהגנו מנהג בית רבינו: ראשית דבר וכו' <u>לא זה מזו ולא זו מזה</u>,

תיבות " זה, זו " מורות שיכולים להראות על הדבר במוחש ממש, וכמארז"ל (סוף תענית ועוד) מראה באצבעו שנאמר כו' זה גו', ולכן למדו רז"ל (יל"ש במקומו מן המכילתא) מלשון הכתוב <u>זה</u> אלי, וראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל וישעי', כי הנבאים נתבאו בכה - ורק משה נתנבא בזה - (ספרי מטות) ופי' הרמב"ם (יסוה"ת פ"ז ה"ו) החילוק שביניהם " כל הנבאים... רואם ... כמשל וחידה... משה רבינו... רואה בדבר על בוריו כו' " (ונת' הענין ע"פ דא"ח בדרושי מטות בלקו"ת ועוד).

ולכן <u>אמיתת</u> תואר " זה " שייך בהקב"ה והדבקים ומיוחדים בו, ובמכ"ש בערה"ב (לבעהמ"ס סדר הדורות ומובא ספר זה בלקו"ת בד"ה מזמור שיר חנוכת הא' ועוד) בערך זה כל הנבראים הם משתנים מה שהי' אתמול איננו היום ומה שהוא היום איננו למחר ולא יצדק עליו לומר זה הוא אבל הקב"ה אין לפניו שינוי וכמ"ש " אני לא שניתי " - ורק בהשאלה אפ"ל " זה " גם על השאר דברים ואפי' על זה לעומת זה, להעיר מלקו"ת ד"ה ראו ספ"א ד"ה חוקת ובזה מובן מרז"ל (בבא בתרא טז:) עשו כפר בעיקר דכתיב למה זה לי וכתוב זה אלי ובסנה' (מב.) כל המברך על החדש בזמנו כאילו מקבל פני השכינה כתוב הכא הזה וכתוב התם זה אלי דלכאורה הרי כמה פעמים זה כתוב בתנ"ך - ובהנ"ל מובן, ובמנחות (נג.) יבוא

אדיר

אדיר... ידיד... טוב זה זו, זאת כו׳ ואינו מובן דבשלמא בתוארי אדיר ידיד טוב יש מעלה ושבח, אבל מהו העילוי במה שקוראים זה זו זאת-, משא"כ כפהנ"ל דאינו שייך אמיתת שם זה רק בהקב"ה ובמילא גם בישראל (זו) ובתורה (זאת) כיון דישראל ואורייתא וקוב"ה כולא חד, ועיין במנחות בחדא"ג שדברו - עדמ"ש בלקו"ת ד"ה חוקת וגם הנ"ל.

והנה שיהי׳ <u>בגילוי</u> הא דהקב"ה נקרא זה גם לכל העולם (כי בקסי"ס לא הי׳ אלא לישראל) הי׳ זה בעת מ"ת, וכנ"ל במנחות, אלא שאח"כ נתגשם העולם וע"י עבודה דתומ"צ של כל בנ"י - אתם קרויים אדם (יבמות מא.) - ד׳ צלך שהוא כביכול כצל שהוא פונה אחר האדם (לקו"ת ד"ה מה טובו ספ"ד ועוד) לכן גם הם כשמתדברים ע"ד נשואי איש ואשה הנה ראשית דבר הוא... זה... זו... וד"ל.

באיווי אשר ב"ב ממש נזכה כולנו לקיום היעוד ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה גו׳.

לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה
הרב מנחם שניאורסאהן
יו"ר ועד הפועל

מכתב מכ"ק אדמו"ר שליט"א, ז׳ כסליו תשי"א,

שלום וברכה!

..... שי׳ האט מיר איבערגיגעבן וועגן אייער בריוו צו עס, בנוגע וואס איר בעט מיין הסכם און ברכה צו אייער שידוך, און אויך בנוגע וואס איר שרייבט בנוגע דעם אופן פון איינשטעלין אייער לעבין להבא אי"ה.

בא מענטשן בכלל און אידין בפרט, איז אז מימאכט א שידוך איז דאס אזאך וואס מ׳בעט דעם אויבערשטן אז עס זאל מצליח זיין און מ׳בעט פון טיפען ארצין וועט השי"ת מצליח זיין עס זאל זיין א בנין עדי עד, א פעסטער און א אייביקער בנין.

יעדער ווארט און א אויסדריק וואס אונזערע חכמים ז"ל באנוצן איז מדוייק (סאטשנע) דער אויסדריק "בנין" איז אויך אויסגיאלטן אין אלע פרטים, ווען מ׳בויעט איז איינע פון די הויבט תנאים אז עס זאל זיין שטארק, איז צו פארזיכערן אז דער פונדאמענט אויף וואס דער בנין שטייט זאל זיין שטארק, דער הויבט אונטערשייט צווישין פונדאמענט און דער גאנצער בנין איז דאס וואס בנוגע דעם גאנצן בנין שיינקט מען אויף מער, ניט נאר די אינערליכע איינגישאפטען נאר אויך דעם אויסער ליכען אויסזען, אבער בנוגע דעם פונדאמענט זאל זיין שטארק און פעסט איז געבויעט פון פעסטע מאטריאלין.

אזוי אויך

אזוי אויך ביי א שידוך צווישין אידישע קינדער איז נוגע אז מאטריאלין פון דעם פונדאמענט זאל זיין צוגעפאסט צו די פאדערונ-גען פון א אידישע הויז, און אז דאס זאל זיין געגוג שטארק אויס צו האלטין פארשידענע נסיונות, די מאטריאלן פון דעם פונדאמענט פון דעם בנין בא אידין בכלל איז תורה ומצוות, ונוסף על זה בא חסידישע הייזער איז די אינערליכע ווארימקייט און ליטיקייט וואס תורת החסידות האט אריין געבראכט אין תורה ומצוות, און וואס איז פארשפרייט געווארן דורך די נשיאי חב"ד בכל דור ודור, ובפרט אין אונזער דור דורך נשיאינו כ"ק מו"ח אדמו"ר הכ"מ. אין א פועל ממש מיינט דאס צו נעמען אויף זיך לימוד התורה וקיום המצוות מעשיות אין טאג טעגליכען לעבין ובפרט בעניין מדות טובות, מדות חסידות, וואס דער הויבט שטריך דערפון איז אהבת ישראל וויא עס ווערט ערקלערט אין אסאך ערטער אין די שיחות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר הכ"מ, דאס הייסט כשרות, שמירת השבת, טהרת המשפחה, קביעות עתים לתורה צדקה אהבת אחים א.א.וו. און די אלע עניינים צו ערפילען ווי חסידית פאדערט פון אונז אלעמען, אז איר וועט נעמען אויף זיך די אלע זאכין און איך שיק אייך מיין ברכה אז דער שידוך זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, איר זאלט בויען א בית ישראל על יסוד התורה והמצוות וויא עס ווערט ערקלערט אין תורת החסידות.

בברכה חי"ק.

מכתב מכ"ק אדמו"ר נ"ע, י"ג אלול חש"ב.

שלום וברכה !

במח קבל את מכתבי בברכת מז"ט, במכתבו הוא כותב שמקווה להשי"ת שיעזור לו שביתו יהי' א חסידישע הנה כל ברכה צריכה לכלי גשמי ומכש"כ ברכה כז: שיהי' כלי לברכה כזו ובכל מכתביו הארוכים שכתב בנדון השמועסען בינו ובין זוג' תחי' הנני חושב שדבר גם ע"ד ההנהגה אחר החתונה שצריכה להיות כראוי לתלמיד תו"ת שהרי החילוק בין תלמיד תו"ח ובין תלמידי שארי ישיבות איננו רק בעניני יר"ש אלא העיקר בעניני מס"נ על תורה ועל הנהגה וכמבואר בדא"ח שמס"נ ענינו מסירת הרצון, וההנהגה בכלל צ"ל אשר אשת תלמיד תו"ת צריכה לשאת פאריק כמה שלא יכבד לה דבר זה אבל אמרת אי אפשר ואי רשאית להיות, ...... ודבר כזה של הנהגה טובה דלעיל איז אגאנץ געוועגליכע ורחוקה מאד מעניין מס"נ, אחרי כל האריכות הנני אומר לו בקיצור דקיצור אשר זוגתו תחי' צריכה לשאת פאה נכרית ואחרת א"א ....

יחידדה

יחידות של אחד מאנ"ש א' דר"ח אלול ה. תשי"ד.

הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א.

א שייטיל איז נוגע קינדער און קינד'ס קינדער, פרנסה און געזונד, ווי ער זאגט אין זהר ח"ג קכ"ז א', אז דאס איז נוגע בבני חיי ומזוני.

מען זאל ניט פרעגען פארוואס יענע און יענע גייט נישט קיין שייטל און טוט ניט וואס מ'דארף, מ"מ איז איר גוט אין בני חיי ומזוני און הצלחה אין אלע זאכען, ערשטינס ווייס מען ניט וואס בא יענעם טוט זיך, און וואס פארא צרות האט יענער, קיינער דערציילט ניט דעם צווייטען וואס בא אים טוט זיך, און צווייטענס דארף מען זיך ניט פארקוקען אויף יענעם, מען דארף טאן וואס דער אויבערשטער הייסט.

(כאן זכר כ"ק אדמו"ר שליט"א הענין כי אתם המעט מכל העמים).

גויים זיינען דאך דא מערער אויף די וועלט ווי אידען און זיי גייט גוט, איז זאל מען נאכטאן די גויים? ווען מען זאל אזוי טאן, וואלט שוין ר"ל לאנג ניט געווען קיין אידישע פאלק, אז א אידעשע פרוי גייט אין גאס אן א שייטיל, איז ניטא קיין חילוק סוך איהר צווישען אנדערע פרויען, אבער אז זי גייט מיט א שייטיל, קאן מען אנווייזען אז דאס איז א אידיש רעליגעזע פרוי,

מען דארף טאקע ניט שרייען אויפן גאס, איך בין פרום, אבער.....

פאר וועמען שעמט מען זיך? פאר די חבר'טע אדער פלונית בת פלונית? וואס וועט מען זאגען, אז די און די פרוי איז א אידישע שומרת דת משה, איז וואס איז די חרפה? וואס מאנט מען, אזא גרויסע מסירות נפש? ווען ר"ל ס'איז ניטא וואס צו עסען, די קינדער הונגערן, און מען מאנט שמירת שבת במסחר און פרנסה וואלט דאס געווען א גרויסע מסירות נפש און דאס וואלט מען בלי ספק געטאן.

ווען מען גייט למשל צו א דאקטער, הגם מען פארשטייט ניט מיט'ן אייגענעם שכל פארוואס גיט ער אזא מעדיצין, נאר מען גלויבט אין אים און מען פארלאזט זיך אויף אים, אדער א מאמע וואס איר קינד פארדייעט ניט די מילך, רופט זי א קינדער דאקטער, ער זאל טוישען די פארמולא, וועט א מאמע - וואס איר קינד ליגט אין וויגעלע - דאגען אז זי וועט אפווארטען, גיין 5 יאהר אין קאלעדז זיך אויסלערנען און פארשטיין דאס וואס דער דאקטער ווייס יעצט און דאן ערשט טאן דאס?

ס'איז געווען בא מיר א סטודענט פון א קאלעדז, האט ער

ער געזאגט אז ער לייגט ניט קיין תפילין און טראגט ניט קיין ציצית, ווייל ער פארשטייט דאס ניט מיט זיין שכל פארוואס מען דארף דאס טאן.

די גאנצע זאך פארוואס מען וויל ניט קיין שייטיל איז, ווייל מען פארשטייט ניט מיט׳ן אייגענעם שכל אז מען דארף דאס, איז פארוואס פארלאזט מען זיך ניט אויף דעם אויבערשטען ?

ווען מען הייסט " איינלייגען איין דאלער " און מען זאגט צו פאר דעם " הונדערט טויזענט דאלער " על ספק אפילו אויך בדאי טאן.

דער חילוק פון א שייטיל ביז א טיכעל איז, אין דעם, וואס בא א שייטיל איז ניטא קיין ברירה אף אנ׳ארט, און בא א טיכעל איז דא א ברירה אראפצונעמען, למשל, ווען מען זיצט בא א מסיבה מענטשען, איז ווען די פרוי גייט מיט א שייטיל, איז אפילו זאל אריינקומען פּאעזידענט אייזענאוועד, וועט זי דאס ניט אויסטאן, משא"כ בא א טיכעל איז גרינג דאס אויסטאן.

די טענה אז מען האט פריער (פאר די חתונה) ניט אפגערעדט וועגען א שייטיל, איז גאר קיין טענה ניט, צו דען איז דאס א זאך וואס מען דארף טאן צוליב האלטען ווארט ? דאס דארף מען ^טאן^ ווייל דאס ברייגגט הצלחה ואושר אמיתי דעם מאן, פרוי, קינדער און קינד׳ס קינדער.

אמאל האט מען אינגאנצען אפגעגאלט די האר, שפעטער איז געווארען אויף די האר אנטאן דעם שייטיל, און בפרט היינט, קען מען דאך קריגען א שייטיל פון אלע פארבען, און ס׳זעט אויס שענער ווי די אייגענע האר.

ווען דעם שווער׳ס מוטער האט דעם ערשטען מאל אנגעטאן א שייטיל, איז דאס געווען א נייעס יענע צייט, און מען האט גערעדט וועגען איהר, ווייל דאן איז נאך ניט געווען דער מנהג צו גיין א שייטיל.

זאל א פרוי אליין א טאאכט טאן, און זי דארף ניט אויף דעם קיין גרויסע התבוננות פון א שעה אדער א האלבע שעה, פארוואס וויל זי טאקע ניט קיין שייטיל נאר א טיכעל, ווייל זי ווייס אז בא א שייטיל איז ניטא קיין ברירה, אראפ נעמען ווען זי זיצט במסיבה אדער זי גייט אין גאס, משא"כ מיט א טיכעל ווייס זי אז זי האט א ברירה, אז זי קען דאס ארויף רוקען העכעראון העכער, אדער אמאל אינגאנצען אראפנעמען, און מען ווייסט דאס א סאך פון פּראקטיק.

זי קען דאך זאגען אז זי וועט גיין מיט א טיכעל ווי עס באדארף צו זיין. א ודאי איז גוט אז ס׳וועט אזוי זיין, אבער

אבער פון פראקטיק ווייס מען אז ס'איז ניט אזוי.

איז צו וואס דארף זי נעמען אויף זיך אזא גרויסען נסיון ? מיר בעטען יעדער טאג פאר'ן דאווענען " ואל תביאנו לא לידי נסיון " סו ווי אזוי וויל מען נעמען אויף זיך אזא נסיון ? מי לנו גדול מדוד המלך, וואס די גמרא זאגט אויף אים, אז ער האט איינגאנצען גע'הרג'עט דעם יצה"ר און מ"מ איז ער אויך דורכגעפאלען מיט א נסיון.

אפילו די רעפארמער זאגען ניט אז א שייטעל איז אנטי מאראליש, אדער אנטי עטיש, זיי זאגען נאר, אז דאס איז אלט מאדיש, איז וואס האט מען מורא ? מען וועט זאגען אז דא גייט א אידישע טאכטער.

דער שווער האט דערציילט פון וואנעט נעמט זיך דאס, וואס אין פראנקפורט זיינען געווען זייער פרומע אידען, וואס האבען גע'שמ'ט (געשיינט?) איבער גאנץ דייטשלאנד מיט זייער פרומקייט, הגם ס'זיינען דארטען געווען פון אנהויב אלע גרויסע " משכילים ".

נאר געשען איז דאס דורך דריי אידישע פרויען, וואס האבען זיך שטארק איינגעשפארט דאן, אין טראגין א שייטיל, אין טהרת המשפחה און חינוך הכשר פאר די קינדער, און דאס האט געפועל'ט אויך אויף אנדערע פרויען און מענער, און במשך הזמן זיינען א גאנצע עדה אידען פון פראנקפורט נשתנה געווארען לטוב.

* * * * *

און דער זעלבער ענין איז בנוגע לטעלעוויזשאן, ס'איז א פרצה גדולה שאין כמוה, אפילו די גוים האבען יעצט ארויס מיט א שטורעם געגען טעלעוויזשאן, וואס דאס מאכט א תל פון די קינדער, און מען טראכט ווי דאס צוריק ציהען ווי ווייט מעגליך.

ס'איז אך און וויי, אז די אידען דארפן זיך לערנען פון די גוים.

און בפרט וואס ס'איז געשען לעצטענס מיט די פיר אידישע באיעס, און אנדערע ענליכע פאלען פון הרג'ענען און מארדען מענטשען, אלע זיינען מודה אז איינע פון די סיבות אויף דעם איז טעלעוויזשיאן און מאוויס, וואס מען קוקט זיך צו, ווי מען הרג'עט און מ'שיסט זיך.

א הכרח ?

ווי איז געווען די וועלט מיט צעהן יאהר צוריק, איידער ס'איז ארויס טעלעוויזשיאן ? האט זיך ניט געפירט די וועלט די זעלבע זאך מיט אלע זאכען ?

און נאך

און נאך א זאך איז פאראן אין דעם, אפילו איינער וועס זיך טראכטען, אז ער וועט קוקען נאר אויף די " פרומע " פראגראמען פון טעלעוויזשיאן וואס מען מעג קוקען, איז וואס קענען עלטערען גאראנטירען פאר די קינדער אז זיי וועלן ניט קוקען אויף אנדערע פראגראמען, וואס מען טאר ניט קוקען אויף זיי, אז אויב די אלטערען קוקען אויף טעלעוויזשיאן, מעגען זיי אויך קוקען וואס זיי ווילען, און בפרט דא אין אמעריקע פאלגען ניט די קינדער אזוי די עלטערען.

און ווער קען דאס גאראנטירען פאר די עלטערען אליין, אז זיי וועלין ניט דורכפאלען אליין, היינט וועלין זיי קוקען אויף דעם פראגראם וואס מען מעג, מארגען וועלין זיי כאפין א קוק א ביסל אויף א צווייטען פראגראם און ביסלאך ווייס וועט ווערן איינגאנצען הותרה לו.

נאך א ריעותא וועט ארויס קומען פון דעם פאר אנדערע מענטשען, אז זיי וועלין וויסען אז פלוני בן פלוני האט א טעלעוויזשיאן, וואס ער גייט א גאנצע בארד, און ער וועט דאך ניט וויסען אז דארטען קוקט מען נאר אזעלכע פראגראמען וואס מען מעג קוקען, וועט ער קוקען אויף אלע פראגראמען, אפילו די וואס מען טאר ניט קוקען, אויף דעם ערשטנ'ס היתר.

דאס וואס מען פרעגט, פארוואס פלוני בן פלוני האט יע א טעלעוויזשיאן ? און אויך ערליבע אידען און אפילו חסידישע אידען, זאל מען זיך פארקוקען אויף זיי.

דאס איז למשל ווי איך גשמיות זיינען דא רמ"ח אברים, זיינען ניט אלע אברים געזונט בארך מענטשן, בא איינעם איז דער כח הראי' שוואך, בא א צווייטען א אנדערער אבר א.א.וו. וועט א מענטש זאגען, וויבאלד יענער מענטש איז קראנק אויף זיינע אויגען וויל ער אויך קראנק ווערין אויף זיינע אויגען ? און אזוי איז אויך ברוחניות, ס'איז ניטא קיינער וואס זאל זייך בשלימות, מען טוט וויפל מען קען אין קיום התורה והמצוות, איז צו וואס זיך אפלערנען פון יענעמס ניט גוטע זאכען ?

די אלע וואס האבען טעלעוויזשיאן, וועט קיינער פון זיי ניט זאגען אז ער האט דאס געקויפט צוליב יראת שמים, זאל אים צוקומען פון דעם, אדער מדות טובות, יעדער איינער האט א תירוץ אויף דעם, אדער צוליב א שטיק פארניטשער פאר'ן הויז, אדער צוליב די ווייב, אדער ער זאגט ער האט דאס געקראגען במתנה, זאל ער דאס ארויסווארפען ? (כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר זה בצחוק).

אמאל פלעגט מען זיך היטען, ניט פארביי גיין א קלויסטער, מען פלעגט גיין בעסער ארום, א מאמע פלעגט נים לאזען

איהר

איהר קינד גיין נאהענט צו א קלויסטער, אדער צו זעהן א שתי וערב, און היינט דורך טעלעוויזשיאן בריינגט מען אריין אין הויז דעם קלויסטער, דעם גאלאך און דעם שתי וערב ר"ל.

א יונגערמאן רב, גראדע א פיינער און א ירא שמים פון א רעליגעזע ישיבה, האט דערציילט, אז ער הערט זיך צו און קוקט זיך צו אין טעלעוויזשיאן יעדען טאג פון 12 ביז 1 אזייגער די צייט רעדט דער גאלאך, איז פון דעם גאלאך׳ס ספיטש (טפשות?), לערענט ער זיך אויס וואס צו ריידען אויף דער בימה אין שוהל (בא אים אין שוהל?), ער האט דאס געזאגט מיט א תמימות און אויך געמיינט אז ער טוהט דאס לשם שמים, כדי ער זאל האבען וואס צו ריידען אין שוהל, און ער פילט אליין גאר ניט דעם גרויסען איסור אין דעם.

אמאל פלעגט מען זיך מוסר נפש זיין ניט צו הערען דעם גאלאך׳ס רייד און היינט דורך טעלעוויזשיאן בריינגט מען אריין דעם גאלאך אין הויז, און מען לייגט דאס נאך אריין אין קדושה, לשם שמים.

דאס איז געווען דער דרך פון די ערשטע משכילים מיט זייער לאזונג: " יהודי בביתך - ואדם בצאתך " וואס צווישען זיי זיינען געווען אויך רבנים מוסמכים.

הגם לכאורה וואס האט דאס ניט געטויגט ? אין שו"ע שטייט ניט קיין איסור אויף דעם, מען דארף טאקע ניט גיין אין די גאסען און שרייען איך בין פרום, איז וואס איז געווען דער איסור אין זייער לאזונג ? אבער מ"מ האבען מיר געזעהן פון (אין) פראקטיק, וואס ס׳איז געווארען פון זיי, זייערע קינדער און קינד׳ס קינדער האבען זיך געשמאדט, און ס׳איז ניט געבליבען בא זיי קיין זכר פון אידעשקייט.

מען דערציילט וועגען א שוחט וואס האט אנגעטאן קאלאשען (דאבעט), האט מען אים אפגעזאגט פון שחיטה,

הגם וואס איז דא געווען דער איסור ? דער שוחט אליין האט אויך געגיינגען מיט קאלאשין, נאר אין יענער צייט איז דאס נאך געווען א נאיעס און אז איינער האט דאס אנגעטאן האט מען געוואוסט אז ער איז קאליע געווארען, און דער סוף איז געווען אז נתגלה אז ער איז קאליע געווארען און אויך זיין הויז.

אמאל איז געקומען אין ליובאוויטש צו זיין פאטער א איד און האט אים געפרעגט, א קונץ איז צו זיצן אין ליובאוויטש, פארמאכט בא זיך אין צימער און זיין א ערליכער איד ? אין פטרבורג און גיין אין גאס און דאן ניט זינדיקען, דאס איז א זאך, זאגט ער ווייטער, און דאס איז אויך נאך ניט קיין קונץ, זיין אין פעטערב-ורג און אריין גיין אין טעאטער און זיצען מיט פארמאכטע אויגען, און ניט

און ניט זינדיקען, אט דאס איז א זאך, זאגט ער ווייטער און דאס איז אויך ניט גענוג, זיצען אין א פעטערבורגער טיאטער מיט אפענע אויגען און דאן ניט זינדיקען, דאס איז א זאך, זאגט דער איד ווייטער, און דאס איז נאך אויך ניט גענוג, ארייז גיין אין טיאטער און צוגיין צו דעם סטילדש (בימה) וואו די ארטיסטען שפילען, און דאן ניט זינדיקען, דאס איז א זאך, זאגט ער ווייטער, און דאס אלץ איז אויך נאך ניט גענוג, זיך זעצען אין טיאטער אין דער לאזע און ארייז ברייגען צו זיך א קריסטע לעבען זיך און דאן ניט זינדיקען, אט דאס וועט זיין א גרויסע זאך, און אזוי האט ער אויסגערעכנט א גאנצען צעטיל, מען קען זיך שוין אליין פארשטעלין ווי אזא חשבון קאן פארפירן דעם מענטשען אין שאול תחתית.

מען דארף וויסען אז אלץ איז נסיונות, און די כוונה איז כי מנסה וגו' לדעת הישכם אוהבים את ה"א.

איהר זאלט זעהן צו מתקן זיין די ענינים ביי אייך אין שטאט, און איר קאנט אפילו אנהויבען דאס אין ג.י. ווייל דא מאנט זיך אויך די ענינים צו מתקן זיין.

קטע משיחת פורים תשי"ב. <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

דער רבי האט דערציילט אז ווען ער האט חתונה געהאט, האט מען פאר זיי, פאר אים און די שוויגער צו לאנגע יאר, אויסגע-בויט א שטוב, אבער פריער האט מען דארטן ארייגעגנומען קינדער פון די שטאטישע ת"ת זיי זאלן דארטן לערנען, און נאכהער האבן זיי זיך ארייגעקליבן אין די דירה.

בכלל א סיפור פון אזא וואס האט זיך איבערגעגעבן מיט די הנהגה פון אידן ובפרט אז ער אליין האט דאס דערציילט, איז דאס ניט קיין סיפור דברים בעלמא, נאר ווי מען האט פריער געזעדט אז מעשה אבות סימן לבנים.

שיחת יו"ד שבט תשכ"ד. <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

דאס איז אויך דער סיפור וואס דער בעל ההילולא האט דערציילט בהנוגע לעצמו, וואס בכלל איז דער שלימות האדם הויבט זיך אן פון חיי נישואין, ווי געבראכט אין גמרא די ראי' פון לשון הכתוב זכר ונקבה ברא אותם ויברך אותם, ווען איז דא די אמת'ע המשכת הברכה מלמעלה, בשעת עס הויבט זיך אן ניט א אופן פון פלג גופא, נאר שלימות האדם, וואס דאס ווערט דאך אנגערופען בנין עדי עד, וואס דערפאר שפיגלט זיך אפ אין די הכנות לזה, אז ניט נאר

יטע כרם

יטע כרם, נאר אויך יבנה בית, וואס דערנאך גייט דאך ישא אשה בשלימות, און ווי דאס שפיגלט זיך אפ אין איינע פון די ענינים וואס בנין עדי עד שפיגעלט זיך אפ אין בנין הבית כפשוטו און אויך פארקערט.

האט ער דערציילט: בשעת ער האט חתונה געהאט, ניט קוקענדיק דערויף וואס ער איז דאך געווען א בן יחיד, איז ניט ווי עס פירט זיך בדורנו אלו, אז די ערשטע זאך גיט מען אויס כו"כ אלפים אויף די ענינים וואס דיינען מערניט ווי ביום החתונה, און קודם לזה גיט מען אויס כו"כ אלפים אין די הכנות קודם ליום החתונה, און דערנאך גיט מען אויס כו"כ אלפים אין די אלע ענינים חיצוניים, וואס מ׳רעכנט אז זיי קומען לאחר החתונה, און דערנאך באטראכט מען זיך וויפיל דארף מעז געבן אויף סעודת עניים.

דעמאלט אבער איז דער סדר געווען, אז קויפן א הויז איז מען דבר שמי׳, מ׳האט דאך אבער געדארפט האבן אז דער בנין עדי עד זאל האבן א בית לעצמו, האט מען צוגעבויט א חדר צו דעם בנין וואס איז געווען פון פריער, וואס דער חדר האט געדארפט זיין פון דעם ענין פון בנין עדי עד. און דאס איז ניט ווי איצטער, וואס די ערשטע זאך באפוצט מען דעם חדר, מ׳לאזט ניט ארייך קיין רגל עני, אפילו ניט קיין רגל איש פשוט, און אפילו די וואס גייען אריין מעצמם, מאכט מען זיי איינג מיט וואס מ׳קען, מ׳איז זיי מזהיר אז דא טאר מען ניט טרעטן, ~~איך דאס טאר מען ניט שפילן~~, און דא טאר מען זיך ניט אנרירן, און דא דארף זיין נטילת ידים ג׳ פעמים, [illegible] טאמער ערגעץ וואו וועט בלייבען א פלעק, אויף די ענינים וואס געפינען זיך בבית, איז דארט -דעמאלט-- געווען דער סדר הפוך.

איידער מ׳האט אפגעגעבן דעם חדר פאר דעם בנין עדי עד האט מען די ערשטע זאך געבראכט אהין תנוקות של בית רבן, ניט תשב"ר פון די רייכע פון שטאט, נאר די קינדער וואס האבן געלערנט אין ת"ת, וואס מ׳קען זיך פארשטעלן בכלל א ת"ת אין א אידישע שטעטל, עאכו"כ א שטעטל וואס איז געווען בכמות אקליינע, און נאך איידער ס׳איז דארט געווען א ישיבה, און ווי עס האבן אויסגעזעהן די עניים וואס האבן ניט געקענט צאלן קיין שכר לימוד, וויפיל מ׳האט דעמאלט געצאלט א מלמד, און זיי האבן זיך געדארפט פארלאזען אז די קינדער וועט מען מחנך זיין אין ת"ת,

און די קינדער האט מען געבראכט אין חדר מיט דעם מלמד, און נאכדעם ווי די קינדער פון ת"ת האבן געלערנט מיט דעם מלמד אין דעם חדר, איז דאס געווען דער חינוך פון דעם בית חדש, וואוהין עס האט זיך אריינגעקליבען דער וואס איז דערנאך געווארען נשיא ישראל.

דעם סיפור

דעם סיפור האט ער דערציילט ווען ער איז שוין געווען א נשיא, וכאמור כמה פעמים וויסנדיק אז סוב"ס וועט דאס נתפרסם ווערן ברבים, וואס דאס איז א הוראה ווי א איד דארף מייסד זיין ביתו בישראל, ווארום אויב דאס וואלט געהאט א שייכות מערניט ווי צו א נשיא בישראל, וואלטן דאס געוואוסט מערניט ווי די וואס דארפן ווערן נשיאים, דאס וואס פריער האט דאס געוואוסט די שטעטל, און האט דאס דערנאך פארגעסן, און דערנאך איז געקומען די צייט וואס ער האט דאס דערציילט, און עס איז נתפרסם געווארען, איז דאס געווארען אן ענין וואס איז די הדרכה פון בית בישראל, די ערשטע זאך איז יהיו עניים בני ביתך, און דעמאלט וועט דאס זיין ביתך, דער בית וואס האט צו דיר א שייכות.

נאר וואס דען, דו קאנסט דאך ברייננגן עניים כדי זיי זאלן דיר קלאפען אויף דער פלייצע, און אויסקלייבן דיר פאר א טשערמאן, און געבן א מעדאל, און דו ביסט דער וואס האט געגעבן אזוי פיל אויף דער צדקה פעדערישאן, ממילא וועט מען דיך אפדרוקען, אין אלע צייטונגען מיט די פיקשטערס, מיט די שבוזים, ביז וואנענט עס וועט דערגייין למעלה מעלה, און ער האט דאך א פס"ד פון שו"ת הרשב"א וואס דער רמ"א ברייננגט דאס אראפ, "מצוה לפרסם עושי מצוה", זאגט מען ניין, ניט דאס איז די כוונה, די כוונה איז ער זאל ברייננגן ארעמע קינדער מיט זייער מלמד, און ער זאל מיט זיי לערנען דארט קמץ אלף א, און די קינדער וועלן אים ניט קלאפען אין דער פלייצע, און מ'וועט אים ניט קלייבען, ווארום זיי זיינען נאך פאר אכצען יאר, אדער פאר צוואנציג יאר, זיי קאנען קיינע וואוטערס ניט זיין, און דאס ווערט דער כי תבנה בית חדש, דעמאלט ווערט דאס דער חינוך הבית, און דערנאך קאן דאס ווערן א בנין עדי עד, ביז כפשוטו א בית מלא ברכת השם,

עס שטייט אין ספרי מוסר, און מען ברייננגט בארוכה אין ספרי חסידות, אז די נשמה מיטן גוף איז דאס בדוגמא איש ואשה, ווי עס איז דא אין מפרשי התורה, ווי זיי זיינען מפרש דעם גאנצן סיפור פון יצירת האדם וחוה, ווי דאס איז אין גוף ונפש, איז יעדער טאג אינדערפרי שהחזרת בי נשמתי, הויבט זיך אן א חיי נישואין מחדש אפילו ווי בא אים אליין, דער גוף באזונדער און די נשמה באזונדער, און שהחזרת בי נשמתי, דעמאלט איז דאס חיי נישואין.

– מ'דערציילט אויפ'ן ראגאטשאווער, עס איז דא צווישען זיינע חקירות א חקירה, דער שעבוד פון דעם בעל וואס ער האט לאשתו, איז דא דער שעבוד פון שארה כסותה ועונתה לא יגרע, האט ער געטראכט, צי דאס איז א ענין וואס ווערט נתחדש בכל רגע, אדער דאס איז געווען בשעת החופה, און דערנאך ווערט דאס נמשך.

ווי בא

ווי בא יעדער ענין אין תורה - וואס ביי אים איז דאס במיוחד בהדגשה - דארף מען גלייך האבן א מאי ביניהו, איז דער מאי ביניהו, בשעת נשא אשה שני' על אשתו ראשונה, אויב דער שעבוד שטאמט פון דער ערשטער רגע זון דער חופה, איז שעבודה של אשה ראשונה קודם לשעבוד של אשה שני', אויב אבער דאס איז א ענין וואס ווערט נתחדש בכל רגע איז כ"ז עס איז ניטא קיין גט ח"ו, איז דאך בשוה דער שעבוד פון אשתו ראשונה מיט אשתו שני'.

דערציילט מען - איך בין דערביי ניט געווען - אז ער האט זיך אמאל געטראפען מיט ר' חיים בריסקער, איז געווען שני גדולים בכתר אחד, אין די רייד האט ער געזאגט די חקירה צו ר' חיים בריסקער, זאגט אים ר' חיים בריסקער, מזל טוב אייך, וואס קומט מיר עפעס א מז"ט - פרעגט דער ראגאטשאווער -, זאגט ער - ר' חיים בריסקער - שעבוד אז דער שעבוד ווערט נתחדש בכל רגע האט איר דאך ערשט חתונה געהאט, א מחותן בשעת די חתונה זאגט מען אים מזל טוב.

דער שעבוד אבער פון שהחזרת בי נשמתי, די נישואין גייט דאך ארויס פון ספיקות אז דאס ווערט נתחדש בכל יום, וואס דעריבער זאגט דער מדרש דערויף, מ'לערנט דאס אפ פון פסוק חדשים לבקרים, במילא איז די נישואין וואס שהחזרת בי נשמתי איז די ערשטע התחלה ובחינה בזה, איז ניט ער לויפט נאך כבוד, אז עס איז אויפגעשטאנען אן אדם גדול בישראל, און גיט מיר אפ כבוד דערפאר וואס איך בין א בן אברהם, יצחק ויעקב, און איך בין מוכן ומזומן לקיים מצות בוראי, נאר די ערשטע בחינה איז, אז ער ברענגט אריין א קינד פון א צווייטן, וואס יענער קאן אים גארניט געבן, ווארום ער איז אן עני דלית לי' מגרמי' כלום, און ניט ער ברענגט אים אריין צו זיך אין הויף אדער ער באצאלט געלט, א מ'זאל לערנען ערגעץ וואו אין אנדערע ד' אמות, נאר מכניסו לתוך ביתו ולפנימיות ביתו, וואס דאס איז דאך חדר שבו נמצאים איש ואשתו.

און דארט ברענגט ער דעם בן עני, אבי דאס איז פארבונדן מיט לימוד תורת השם, אויספירן דעם אויבערשטן'ס רצון במילא טוט ער דאס בשמחה ובטוב לבב.

און דאס איז די הדרכה והוראה לכאו"א עד סוף כל הדורות, וויבאלד אז דאס ווערט נתפרסם פון א נשיא, וואס כל ענינו איז דאך פארבונדען מיט צאן מרעיתו.

ולא נפלאת היא ולא בשמים היא ולא מעבר לים היא, און ווי ער טייטשט אפ אין מדרש, אז אויב ס' וואלט געווען מעבר לים ובשמים, וואלט מען געדארפט פארען מעבר לים און עולה זיין לרקיע, אויף דארטן צו נעמען, עס איז מערניט וואס בחסדי הבורא האט ער

געוואלט

געוואלט מאכן דאס קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, און אזוי איז אין אלע פרטים של התורה ומצוותי׳, ביז מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, וואס איז דאך אויך ניתן למשה מסיני, במילא איז אויך די הנהגה קרוב אליך הדבה מאד בפיך ובלבבך לעשותו, וואס אפילו אויב ס׳וואלט געווען א שווערע זאך וואלט מען אויך געדארפט מקיים זיין, נאר רצה הקב"ה לזכות את ישראל, אז יעדערער זאל קאנען צוקומען אן איבעריקע השתדלות ויגיעה, מערניס ע"י התבוננות קלה אין תכלית בריאותו, האט מען דאס אוועקגעשטעלט אין אן אופן אז דאס איז קרוב, און נאך קרוב מאד, מ׳דארף נאר מחליט זיין ביי זיך, וואס דעמאלט איז דער רצון פועל אויפ׳ן שכל, אז ער געפינט אויף דערויף א הסברה בשכל, ביז וואנענט דאס קומט אראפ בהרגש שבלב, וואס ליבא פליג לכל שיפין, אז רגליך ירוצו אויף עניני מצות בכלל, און ענינים פון חינוך על טהרת הקדש במיוחד, אויף צו מחנך זיין זיך, ובני ובנות ישראל אין דעם עניך, אז אהבת ישראל און אהבת התורה און אהבת השם - ווי דער אלטער רבי זאגט, און ווי דער בעל ההילולא האט איבערגע׳חזר׳ט בשמו - חד הוא.

מספר המנהגים,

חנוך הבית: ... בענין חנוך הבית, הנה אף שבספרי נגלה יש מקום עיון בזה, ועייך באחרונים שו"ע או"ח סי׳ תקס"ח, יעויין שם מג"א סק"ה וביד אפרים, ולהעיר ג"כ משו"ת חת"ס יו"ד סקל"ח ותורת השלמים שם, הנה כיון שהוא מנהג ישראל ועוד ועיקר אשר במאמר דא"ח מרבנו הזקן מבאר " הטעם שעושים משתה ושמחה בחנוכת הבית " (ביכל כת"י הר"פ משקלאוו) הרי יש לעשות כנ"ל, וכשיתועדו בהתועדות חסידותית ובהשמיע ד"ת דא"ח, הרי תהי׳ תועלת הן בגשמיות והן ברוחניות...

מזוזה: בטח ידוע מנהגינו לקבוע המזוזות תיכף בהכנס לבית, ומובן שבלי ברכה, אלא שבמלאת שלשים יום נוטלים מזוזה אחת לבודקה, והרי מותר להחליפה ביפה יותר ממנה, ובמילא קובעים החדשה בברכה ומכוונים להוציא גם אלו שעל כל שאר דלתות...

ספרים: קביעות המזוזה מצד ימין ע"פ היכר ציר (אפילו בפתח גזוזטרא שרק פתח אחד לה - כבדירת כ"ק מו"ח אדמו"ר - ע"פ הוראתו (רשימת כ"ק אדמו"ר שליט"א)) מלבד הפתח הראשון.

עס איז נויטיג ונכון הדבר, אז חסידים זאלען האבן ביי זיך די דריי ספרים - כתר שם טוב, אור תורה, תניא - און איבער טעמים ידועים, ניט איינבינדען זיי בכרך אחד, לערנען אין זיי כמה שירצה, אבער עס זאל זיין געלערנט, אלע טאג, לכל הפחות אין שבתות וימים טובים און בזמנים ידועים, (ספר המאמרים התש"י ע׳ 265,)

חא' ע' 36

קטע משיחת ב' דר"ח כסלו תשי"ג. **הנחה בלתי מוגה.**

עס איז פראן א מנהג – אמאל איז געווען דער מנהג אין אסאך קהלות בישראל, און אויך היינט איז פראן דער מנהג אין כמה קהלות בישראל – אז די פרשה וואס מען לייענט בשעת דער חתן איז עולה לתורה, איז פ' ואברהם זקן – די ערשטע חתונה וואס איז באשריבען אין דער תורה.

אויף דער פרשה ואברהם זקן זאגן די רז"ל (בראשית רבה ס,ח,) יפה שיחתן של עבדי בתי אבות מתורתן של בנים (עס זיינען בעסער די רייד פון די קנעכט פון די אבות ווי די תורה פון די קינדער), ווארום כמה גופי תורה לערנט מען אפ פון איין איבער-יקן אות א. א. וו. ד.ה. אז "תורתן של בנים" איז געזאגט געווארן קורץ, דורך א רמז, וואס דאס איז דער אונטערשייד פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה, וואס תורה שבעל פה איז באריכות און מיט איינצלהייטן און תורה שבכתב איז קורץ און מיט רמזים.

אבער שיחתן של עבדי אבות שטייט באריכות און אויספירלעך, נאך מער: איין ענין שטייט צוויי-דריי מאל, אזוי ווי די מעשה פון אליעזר'ן, שטייט פריער וואס אברהם האט אים געזאגט און וואס מיט אים האט פאסירט, און דערנאך שטייט דאס אלץ נאך אמאל, ווי אליעזר דערציילט וואס אברהם האט געזאגט און וואס ער האט מיט אים פאסירט.

כאטש דער טעם אויף דעם איז ווייל "יפה שיחתן של עבדי אבות", אבער ביי וועלכן ענין ווערט דאס דערציילט אין תורה ? אין אן ענין פון א שידוך און א חתונה, פון דעם איז פארשטאנדיק, אז אויסער דעם מעלה פון שיחתן של עבדי אבות איז די מעלה אויף דער ענין פון א **חתונה**.

די דערקלערונג דערפון איז: אז א איד גייט בויען א אידישע הויז, איז דאס א בנין עדי עד (אויף אייביק), ווייל ער בויט עס על פי תורה, וואס איז א תורת חיים וועלכע איז געגעבן געווארן פון דעם וועלכער לעבט אייביק, און ממילא ווערט ער אויך "ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיים כלכם היום, (דברים ד,ד,) און די הויז וואס ער בויט ווערט אויך א בנין נצחי וואס נאר דאן הייסט דאס חיים באמת. (וכמו נהר המכזב אפילו רק אחת בשבע שנים (היקף שלם בשנים, וכמו שבוע בימים) איננו נקרא מים חיים (פרה פ"ח מ"ט, וראה לקו"ת מטות פג, ג)).

דערפאר שטייט (תרגום יונתן כד, כב. בראשית רבה ס, ו. (געבראכט אין פירש"י בראשית כד, כב), מדרש הגדול), אז דאס וואס אליעזר האט געגעבן רבקה'ן א "נזם זהב בקע משקלו" און

שני

"שני צמידים עשרה זהב משקלם" איז דאס געווען פאר קידושין, און עס איז געווען אנטקעגן דעם מחצית השקל בקע לגלגלת - וואס דאס איז די מצוה פון צדקה וועלכע ווערט הנגערופן "כללות המצוות (ב"ב ט, א,) און אנטקעגן די צוויי לוחות מיט די עשרת הדברות, - וואס דאס איז די "כללות התורה" וועלכע אידן האבן אויף זיך גענומען מיט א קבלת עול - זאגנדיק "נעשה" פאר "נשמע" (שבת פח,א,)- וואָרום דער יסוד פון בויען א אידישע שטוב איז תורה ומצוה מיט קבלת עול.

דער טעם וואס ער האט געגעבן צוויי צמידים - אנטקעגן די צוויי לוחות, אויף וועלכע די עשרת הדברות זיינען געווען דוקא "חרות" (אויסגעקריצט), ניט אנגעשריבן, איז: תורה שבכתב בכלל איז געשריבענע אותיות - טינט אויף פארמעט, ד.ה. אז דער טינט, די אותיות איז א באזונדער זאך און דער פארמעט איז א באזונדער זאך, און פון די צוויי זאכן צוזאמען איז צונויפגעשטעלט תורה שבכתב.

אויך אין תורה שבעל פה איז פאראן צוויי זאכן: די רייד פון תורה, און דער מענטש וואס לערנט די תורה, - וועלכער איז דאך א באזונדער זאך.

דאקעגן די עשרת הדברות וועלכע זיינען געווען אויף די לוחות, זיינען די אותיות געווען איינגעקריצטע, ד.ה. די לוחות זיינען ניט קיין באזונדערע זאך פון די עשרת הדברות, נאר פון זיי אליין זיינען געמאכט די אותיות.

דער ענין פון "אותיות החקיקה" (איינגעקריצטע אותיות) און עבודת השם איז, ווי די גמרא זאגט (קדושין לב,ב,), אז נאכדעם ווי ער איז זוכה, ווערט עס "ובתורתו" - זיין תורה - ער מיט דער תורה ווערן איין זאך.

און דערפאר האט אליעזר געגעבן צמידים אנטקעגן די לוחות דוקא, אויף צו ווייזן אז די אידישע שטוב וועלכע דארף זיין אויף די יסודות פון תורה און מצוות - איז ניט גענוג דער איד זאל מקיים זיין די תורה מיט קבלת עול, אבער ער מיט דער תורה זיינען צוויי באזונדערע זאכן, כאטש זיי שטימען - נאר ער מיט דער תורה זאלן ווערן איין זאך - צו מאכן פון זיך אליין תורה, ער ווערט איינס מיט אנכי ד' אלקיך און אזוי מיט אלע דברות.

און דאס איז וואס יפה שיחתן של עבדי אבות מתורתן של בנים; וואס מיר זען דאס דורך דעם ענין פון א חתונה, עבדי אבות איז דער ענין פון קבלת עול, און חתונה איז אויך א בנין אויף די יסודות פון תורה און מצוה מיט קבלת עול אין אן אופן פון אותיות החקיקה - דאס איז א יסוד אויף "תורתן של בנים".

בשעת עס איז פאראן דער ענין פון קבלת עול אין דעם

לייגן

לייגן די יסודות - באריכות און אויספירלעך, איבערגע׳חזר׳ט איינמאל און נאכאמאל, דאן קאן זיין "תורתן של בנים" - די פרטי ההלכות - קורץ און מיט א רמז.

עס שטייט: קוב"ה אסתכל באורייתא וברא עלמא, דער אויבערשטער האט אריינגעקוקט אין תורה און באשאפן די וועלט, און אזוי שטייט אויך: בר נש אסתכל באורייתא ומקיים עלמא (זהר חלק ב׳ קסא,ב) אז א מענטש קוקט אריין אין תורה שטייט דורך דעם די וועלט, דער יסוד פון וועלט איז תורה, ממילא איז אויך ביי יעדן איינעם אין זיין אייגענער וועלט: בשעת ער קוקט אריין אין תורה - די יסודות פון תורה און מצוה מיט קבלת עול אין אן אופן פון א בנין נצחי - דעמאלט ווערט באשאפן און שטייט די וועלט, אז די שטוב וואס ער בויט איז אן אייביקע, ולא תשכח מפי זרעו ומפי זרע זרעו עד עולם בדור ישרים יבורך.

משיחת ש"פ תולדות, תשי"ד

עס שטייט (שבת פט,ב.) אז לעתיד לבוא וועט מען זאגן דוקא אויף יצחק׳ן כי אתה אבינו, (ישעי׳ סג,טז.) דער טעם אויף דעם ווערט דערקלערט אין חסידות (תו"א פ׳ תולדות יז, ג.) ווייל יצחק איז דער ענין פון פחד און ביטול, וואס דאס איז דאך איינער פון די חידושים פון דעם זמן פון לעתיד לבוא.

קען מען זאגן, אז דערפאר געפינט מען אויף יצחק׳ן אז ער איז געווען אין כמה ענינים בדוגמא דלעתיד לבוא, אויף אלע אבות שטייט (ב"ב טז,סע"ב.) הטעמין מעין עולם הבא (השי"ת האט זיי געגעבן צו פארזוכן מעין עולם הבא), נאר ביי אלע אבות איז דער מעין עולם-הבא געווען בלויז אין דעם ענין פון תענוג - הטעימן - אבער ביי יצחק׳ן איז זיין גאנצער לעבן געווען בדוגמא דלעתיד, וואדום ביי דער עקידה איז דאך פרחה נשמתו (זח"א ס, א. וראה ג"כ פרקי דר"א פל"א.) און ס׳איז נמשך געווארן אין אים א נשמה דעלמא דאתי - פון עולם הבא.

באמת איז נאך ניט דאס די מעלה פון יצחק׳ן, וואדום דער ענין פון פרחה נשמתו געפינט מען אויך ביי אנדערע, עס זיינען פאראן דיעות אז ביי דעם בן השונמית (זח"ב מד, ב. וראה ניצוצי אורות שם.) און ביי נאך אנדערע (שבת פח,ב, פדר"א פל"ג ועוד ומובן דאין הפריחה בכל הנ"ל שוה.) איז געווען פרחה נשמתם, די מעלה פון יצחק׳ן איז, וואס ער איז געווען למעלה מהעולם (העכער פאר וועלט) און האט פון דארט מיטגענומען אין עולם, ווי דערקלערט ווייטער.

אויפן פסוק ויגדלו הנערים שטייט (רש"י והוא מבראשית

רבה

ובה סג, י.) אז בשעת זיי זייבעץ געווארן אלט דרייצן יאר, זה פירש לבתי מדרשות וזה פירש לע"א (איז יעקב אוועק אין בתי מדרשות און עשו – צו דער עבודה זרה), פרעגט מען (בעלי תוס׳ על התורה בשם הירושלמי) אויף דעם, עס שטייט (בראשית רבה סג, יב.) אז אברהם האט געדארפט לעבן הונדערט און אכציק יאר, נאר מען האט אראפגענו-מען ביי אים פינף יאר כדי ער זאל ניט זען אז עשו זייך איינינקל גייט ארויס לתרבות רעה, קומט אויס אז בשעת עשו איז אוועק צו עבודה זרה, האט נאך אברהם געלעבט, ווארום צו יצחק׳ס געבורט איז אברהם אלט געווען הונדערט יאר, און יצחק בן ששים שנה בלדת אותם קומט דאך אויס אז בשעת עשו איז געווארן דרייצן יאר און פירש לע"א, איז אברהם אלט געווען הונדערט דריי און זיבעציק יאר, הטא ער דאך צוויי יאר געזען ווי עשו איז יוצא לתרבות רעה ?

דער דעת זקנים מבעלי התוספות פארענטפערט (בפירושם עה"ת בראשית כה, כז בשם הירושלמי) אז די צוויי יאר חטא במטמוניות (כל זמן אברהם האט געלעבט האט ער געזינדיקט באהאלטעניערהייט), דער תירוץ איז אבער ניט גענוג, ווארום אויב עס האט געקענט זיין אז ער זאל זינדיקן צוויי יאר במטמוניות, האט דאך געקענט זיין אז ער זאל זינדיקן נאך פינף יאר במטמוניות, און מען זאל ניט דארפן אראפנעמען פון אברהם׳ען פינף יאר ?

אין עשרה מאמרות און אויך פון ריב"א איז פאראן נאך א תירוץ אויף דעם – אז די יארן וואס יצחק האט געווארט (בריב"א מביא דוגמא מנח – דשנת המבול שלא שמשו המזלות לא נחשבה במנין שנותיו, אבל מובן שבמהותם – אינו דומה לענין דיצחק שלא הי׳ כל ענין הזמן דהעולם אצלו, משא"כ במבול: א) שחסרה רק המדידה דהזמן, ב) שכל עניני העולם היו כמו נח בזה, וראה ירוש׳ ר"ה פ"א ה"א, ואכ"מ.) פון דער עקידה ביז רבקה זאל ווערן דריי יאר מיט איין טאג – איז ער געווען אין גן עדן, קען מען זאגן דעם טעם ווייל גן עדן איז העכער פון זמן פון עולם, במילא בשעת יעקב און עשו זיינען געבארן געווארן, איז פון יצחק׳ס געבורט שוין דורכגעגאנגען מער ווי צוויי און זעכציק יאר, אבער אלט איז ער געווען איינגאנצן נאר זעכציק יאר, ווייל די יארן אין גן-עדן איז ער געווען למעלה פון זמן – און אברהם איז דאן אלט געווען הונדערט צוויי און זעכציק יאר, ווען יצחק איז געקומען אין עולם און אין זמן, זיינען די צוויי יאר ניט געווען אין חשבון, איז ער געווען א בן ששים.

עס איז פאראן אמאל וואס מען הויבט זיך אויף, העכער פון זמן, און שפעטער קומענדיק אין זמן איז דאס ניכר, אזוי ווי עס איז פאראן א סיפור פון בעש"ט (דרך מצותיך נט, א, ובציונים והערות שם) וואס ער האט געשריבן צו זיין שוואגער ר׳ גרשון׳ן אן ענין וואס בפועל האט דאס פאסירט שפעטער, ווייל דער בעש"ט איז

ארויף

ארויף אין עולם היצירה כו' וואס דארטן איז (צען אדער) פופצן יאר בסקירה אחת, דאס האט אים אבער ניט ארויסגענומען פון זמן פון עולם הזה, ובפרט אז זיין גוף איז דאך אויך בשעת העלי' געווען למטה, מה שאין כן ביי יצחק'ן.

און דער ענין פון זיין אין גן-עדן איז ביי יצחק'ן געווען אגיך דערנאך זייענדיק למטה, ווי מיר געפינען אז יצחק האט געזאגט כריח שדה אשר ברכו הוי' - גן עדן (זע ב"ר ס"פ סה, ובפי' מהרז"ו, וצע"ק מזח"ב לט, ב, זח"ג פד,א, ואכ"מ.) איז אין פלוג פון וואנען האט ער געוואוסט ? נאר ער האט געדענקט פון דער צייט וואס ער איז געווען אין גן עדן, הגם דער סדר איז דאך, אז בשעת די נשמה קומט פון גן עדן למטה, קומט א מלאך וסטרו על פיו (נדה ל,ב.), כדי עס זאל ניט מבלבל זיין צו דעם אופן און סדר פון דער עבודה וואס דארף זיין למטה, - דוגמת ווי ווען די נשמה דארף עולה זיין למעלה דארף זי פארגעסן אויף חיזו דהאי עלמא (לקו"ת דברים פד, ד.) דעם אויסזען פון דער וועלט, אבער ביי יצחק'ן איז געווען דער אויפטו, וואס ער האט מיטגענומען די ענינים פון גן עדן למטה.

די רז"ל זאגן (ברכות טז,ב.): אין קורין אבות אלא לשלשה ("אבות" זיינען נאר דריי), ,שטייט אויף דעם דער ביאור (תורה אור וארא כה,א.) אז דער חילוק פון די שבטים מיט די אבות איז, אז עס מוז ניט זיין ביי יעדער אידן אלע מדרגות פון אלע שבטים, אבער די מדריגות פון די אבות איז דא ביי יעדער אידן די מדריגות פון יעדערן פון זיי, דערפאר זאגט יעדער איד, אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב (פסחים קיז, ב.) ווייל יעדער פון די אבות גיט כוח פון אופן עבודתו צו יעדער אידן אין זיין עבודה, איז פארשטאנדיק אז דער ענין - פון מיטנעמען פון גן עדן אין וועלט וואס מען האט גערעדט ביי יצחק'ן - איז נוגע יעדער אידן,

דאס זעלבע געפינען מיר אויך אויף שבת, אז מיני' מתברכין כולהו יומין (זהר ח"ב פח,א.) פון שבת ווערן געבענטשט אלע טעג פון וואך, דער ענין פון שבת איז למעלה מהזמן (כמו שנתבאר בהמאמר) און דאס איז נוגע אין דער עבודה פון דער גאנצער וואך,

דערפאר דארף מען אלע טאג דערמאנען שבת (מכילתא יתרו פ"ד. רמב"ן שמות כ,ח.) יום ראשון בשבת, יום שני בשבת וכו', דאס גייט אריין אין דער מצוה פון זכור את יום השבת, אזוי ווי מען געפינט אויף שמאי הזקן (ביצה טז א.) אז אויף יעדער זאך האט ער געזאגט לכבוד שבת.

בשעת מען מאנט ביי א אידן אפזאגן זיך פון די תאוות און פארגעניגנס פון דער וועלט, און אז זיין גאנצער ענין זאל זיין "אחת שאלתי וגו' לחזות בנועם הוי' וגו'" (תהלים כז,ד.), טענה'ט

טענה׳ט ער, אז מען האט דאך אים פארבונדן דוקא מיט׳ן גוף און נפש הבהמית און דוקא אויף דער וועלט - הייגט ווי קען מען פון אים פאדערן אפזאגן זיך פון זאכן וועלכע געהערן צו די פארגעניגנס פון דער וועלט און האבן בלויז פארגעניגן פון נועם הוי׳ וואס דאס געהערט צו די תענוגים פון יענער וועלט, גן עדן א.א.וו. וואס ערשט דעמאלט וועט דאך אנטפלעקט ווערן דער ענין פון לחזות בנועם הוי׳ ?

אויף דעם איז דער ענטפער אז מען האט אים געגעבן דעם כוח פון אלקי יצחק, אריינקוקן און פארטיפן זיך אין דעם ענין פון לעתיד לבא און גן עדן, ביז וואנען אז ביי אים קען אויך איצטער זיין ראה ריח וגו׳, אז אלע תענוגים פון דער וועלט - אפילו די אמת׳ע תענוגים - זיינען מער ניט ווי פסולת פון די תענוגים פון גן עדן (לקו"ת שלח מו,ד.), הייגט ווי וועט ער אוועקלייגן דעם עיקר תענוג צוליב באקומען די פסולת ? און בפרט אז וועז דער עיקר ווערט בטל, - ווערט דאך ממילא דער טפל בטל און כל שכן די פסולת, דערפאר דארף ער אלע זיינע געדאנקען אריינטאן אין דעם עיקר, וואס דער וועג צו דעם איז ביטול, וואס אין עבודה איז דאס דער ענין פון קבלת עול - אזוי ווי די עלי׳ אין גן עדן וואס אויך דארט דארף זיין דער ענין פון "ובזה הנערה באה אל המלך" (אסתר ב,יג.) דער ענין הביטול.(זע תורה אור צו,א. תו"ח ד"ה והאיש משתאה ס"י ואילך),

און דאס איז אויך דער ענין פון יצחק׳ן, "פחד יצחק" - ביטול און קבלת עול.

דערמיט וועט מען אויך פארשטיין דעם טעם פון דעם מנהג (תו"א פ׳ ויגש מה,א.) וואס ביי קידושין איז הכלה שותקת, אמת טאקע שתיקה איז כהודאה ( יבמות פז , ב , ) (שווייגן איז גלייך ווי מודה און מסכים זיין), אבער, אין פלוג, איז אין אלע ענינים בעסער אז מען זאגט ארויס בפירוש, און דאך איז ביי קידושין א מנהג ישראל - וואס דאס איז תורה(ירושלמי פסחים פ"ד ה"א, ופרקי דר"א פמ"ה) אז די כלה שווייגט ?

נאר דער טעם איז: דורך וואס קען זיין א קירוב פנימי, קירוב עצם אל עצם - וואס דורך דעם ווערט נמשך דער כוח פון אין סוף בדור ישרים יבורך, - דוקא דורך א פולשטענדיקן ביטול, און דורך דעם ביטול ווערט דער יחוד פנימי, און דורך דעם קומט מען ביז צו דער מדריגה אז עס ווערט אשת חיל עטרת בעלה (משלי יב,ד. תו"א פ׳ ויגש מד, א.) .

משיחה

51
60 ד

משיחת ש"פ ויצא. תשי"א.

היינטיקע סדרה הויבט זיך אן: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה, דאס איז - ווי רש"י זאגט - אן איבערדערציילונג פון דעם סיום פון פאריקער סדרה.

אין תורה איז אלץ דייטלעך, אפילו פון איין איבעריקן אות לערנט מען אפ גאנצע הלכות, היינט מכל שכן א גאנצער ענין וואס ער חזר'ט זיך איבער עטלעכע מאל, איז דאך דאס געוויס אן הוראה לדורות, פאר יעדער צייט און אין יעדער ארט און אויך פאר היינטיקער צייט, ווייל די תורה איז אן אייביקע.

אויף דעם נאמען באר שבע זאגט די תורה (בראשית כא, לא שם כו,לג, אויך זע אין ספורנו שם,) צוויי טעמים א) צוליב דער שבועה וואס איז געווען ביי דעם כריתות ברית, וואס אבימלך האט געמאכט מיט אברהם'ן, ב) צוליב דעם זיבעטן ברונעם וואס מ'האט געגראבן נאכן שלום מיט אבימלך'ן, ביידע טעמים ווייזן אויף א צושטאנד פון רואיקייט ביי אידן, וילך חרנה, דער ענין פון חרן איז להיפך, ווי רז"ל זאגן (רש"י ס"פ נח,) חרון אף של עולם (דער צארן פון וועלט).

מ'פרעגט א קשיא: דער אויבערשטער האט אונז געגעבן תורה און מצוות פון זיין פולער און ברייטער האנט, - וואו מ'גיט זיך נאר א קער, איז שוין פאראן אדער א מצות עשה וענפי', אדער מ'דארף זיך אפהיטן פון איינע פון די שס"ה מצות לא תעשה וענפי' - האט ער דאך געדארפט לכל הפחות אראפנעמען די דאגות פון אונז,דאגת הגלות, דאגת הפרנסה וכו', כדי עס זאל זיין לייכטער דער קיום המצוות ? נאך מערער, מען זאל בכלל ניט האבן צו טאן מיט עניני העולם, און זיין מערער באהלה של תורה.

אויף דערויף דערציילט די תורה דעם סדר פון יעקב'ן, ד.ה. דעם סדר פון ישראל בטהרתם, ווי זיי זיינען שוין אפגעטיילט, לא כאברהם שיצא ממנו ישמעאל ולא כיצחק שיצא ממנו עשו, נאר כיעקב וואס מטתו שלימה (שבת קמו,א (בשינוי לשון) עד"ז ספרי לדברים לב,ט.

איידער יעקב האט געדארפט חתונה האבן - בויען דעם בית ישראל, האט מען אים געהייסן ארויסגיין פון באר שבע, אוועקגיין אויך פון די ישיבות פון שם ועבר, און גיין קיין חרן חרון אף של עולם.

איידער ער האט געדארפט אויפשטעלן דעם עם ישראל, האט ער געקאנט און געדארפט, זיין אין באר שבע, אן ארט פון גילוי אלקות במוחש, וואו מצוות קומען אן גרינג און עבירות קומען אן שווער, אבער בכדי אויפצובויען דעם בית ישראל, האט ער געדארפט ארויסגיין

פון

פון באר שבע, און קומען קיין חרן, אן ארט פון העלם והסתר (וואס אלקות איז פארבארגן און באהאלטן).

- אויך עולם (וועלט) אליין, איז כשמו - לשון העלם (ספר המאמרים ה'שת ע' 160), ומכל שכן חרון אף של עולם -

וואס דארט איז עבירות קומען אן זייער גרינג און מצוות זייער שווער, און דורך דעם וואס ער איז בייגעשטאנען די נסיונות, האט ער בונה געווען בית ישראל - מטתו שלימה.

דאס איז אויך אן הוראה צו יעדער אידן: דוקא דורך דעם וואס ער האט נסיונות און איז זיך מתגבר אויף זיי און שטייט זיי ביי - בויט ער אויף א אידישע הויז, א ליכטיקע הויז און א ווארעמע הויז.

דער סדר אין דעם דארף זיין - ווי דערציילט ווייטער אין סדרה,

בשעת יעקב איז אוועק אין חרן, אין די ערשטע זאך וואס ער האט געטאן, - ויפגע במקום, געשטעלט זיך דאווענען (ברכות כו,ב. ב"ר סח,ט.), לכאורה, אז ער גייט קיין חרן געפינען זיין זיווג, האט ער די ערשטע זאך געדארפט אויסלערנען זיך די שפראך און מנהגים פון דער מדינה, אנטאן זיך אין די קליידער פון דער מדינה וכו', יעקב האט אבער אפגעלייגט די אלע זאכן, און אין וואס האט ער זיך עוסק געווען - אין עבודת התפלה,

ווי געזאגט פריער, איז דער סיפור מיט יעקב'ן - אזוי ווי אלע סיפורים פון תורה - אן אנווייזונג אויף אלע דורות.

ווען איינער גייט בויען א בית בישראל, קען ער דאך טראכטן: מילא ביז איצטער איז ער געזעסן און געלערנט תורה און עוסק געווען אין תפלה ומצות, אבער איצטער אז ער גייט ארויס אין וועלט, דארף ער דאס אלץ אפלייגן און אפגעבן זיך אויף אויסלערנען און נאכצוטאן די מנהגי המדינה, נאכלויפן די איינוואוינער פון דער מדינה א.א.וו. - אויף דעם זאגט מען אים: ניין, אויף וואס דארף ער זיך אוועקגעבן - אויף דעם "ויפגע במקום".

אדרבה, ערשט איצטער דארף ער זיך נעמען צום ויפגע במקום, נאך מערער ווי פריער, ווארום זיין גאנצע פריערדיקע עבודה וואס ער האט זיך עוסק געווען אין תורה, מצוות און תפלה, איז ניט גענוג פאר זיין איצטיקן מצב, וואס ער גייט ארויס אין וועלט - אין נסיונות וועלכע זיינען ניט בערך גרעסער פון די פריערדיקע, און ער דארף בעטן דעם אויבערשטן, ער זאל זייך אן עומד בנסיון.

בשעת יעקב איז געווען אויפן וועג קיין חרן, דערציילט אונז ווייטער די תורה: ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו, טייטשט רש"י: עשאן כמין מרזב סביב לראשו שירא מפני חיות רעות, יעקב האט

געוואוסט וואוהין ער גייט, און אז אפילו אויפן וועג - נאך ניט דערגייענדיק צו חרן - געפינען זיך חיות רעות, דערפאר האט ער גענומען שטיינער און ארומגערינגלט די קאפ, כדי צו פארהיטן זיך פון די חיות רעות.

איך פלוג איז ניט פארשטאנדיק וואס יעקב האט ארומגערינגלט מיט די שטיינער נאר די קאפ אליין, און ניט אויך די איבעריקע אברים ? ממה נפשך, האט ער געהאט בטחון, און פארלאזן זיך אויף דעם אויבערשטן, האט ער אויך די קאפ ניט געדארפט ארומרינגלען ? און אויב ער האט ניט געוואלט אנקומען צו ענינים פון למעלה מהטבע, האט ער דאך געדארפט פארהיטן אויך דעם גוף מיט די פיס ?

וועט מען עס פארשטיין לויט דעם וואס שטייט (תהלים קכח,ב,) יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך, איז דער דיוק אין דעם יגיע כפיך (די הארעוואניע פון דיינע הענט) דוקא, התעסקות (באשעפטיקונג) אין פרנסה קען זיין אויף צוויי אופנים: א) יגיע כפיך, די קאפ איז פריי און ליגט אין תורה ועבודה, און ער הארעוועט אין פרנסה נאר מיט די הענט, ב) יגיע ראשך, ער איז איבערגעגעבן צו פרנסה אויך מיטן קאפ.

און דאס מיינט - יגיע כפיך כי תאכל (אבער די קאפ ליגט אין תורה ועבודה) - איז אשריך וטוב לך, ניט נאר אין רוחניות נאר אויך אין גשמיות, ווייל די פילערליי התחכמות (קליגן זיך) און תחבולות העלפן גאר ניט, ווי עס שטייט ולא לחכמים לחם, ואדרבה זיי מאכן נאך קאליע, ווי עס ווערט דערקלערט אין פילע ערטער (זע בהקדמה לדרך חיים. והחכמה תפסיד, סהמ"צ לה"צצ מצות תגלחת מצורע, ובכ"מ).

בשעת יעקב איז געגאנגען קיין חרן, האט ער גוט געוואוסט וואוהין ער גייט, ער האט געוואוסט אז ער וועט דארפן ארבעטן ביי לבן הארמי, ער האט אויך געוואוסט אז אפילו אויפן וועג זיינען שוין פאראן חיות רעות וכו׳, דערפאר האט ער גענומען שטיינער און ארומגערינגלט די קאפ, אז צום קאפ זאל קיינער ניט צוטרעטן, די קאפ זאל זיין באשיצט, און אין טרדות הדרך אדער די ארבעט ביי לבן׳ען - ד.ה. די הכנות לפרנסה און פרנסה - וועט ער הארעווען נאר מיט די הענט.

און דאס איז אויך די הוראה צו יעדן איינעם, אז ער דארף זען, אז די קאפ זאל זיין באשיצט, און אז די קאפ וועט זיין ווי עס דארף זיין, וועלן שוין במילא אויך די הענט מיט די פיס זיין ווי עס דארף צו זיין, עסק הפרנסה וועט זיין על פי שלחן ערוך, די הענט וועלן זיין באופן אז נאר שמאל איז דוחה, אבער ימין מקרבת, און די רגלים וועלן זיין רצות לדבר מצוה.

מיט וואס

מיט וואס האט זיך יעקב ארומגערינגלט און אפגעצוימט פון וועלט אז די וועלט זאל אויף אים ניט פועל'ן, - מיט אבנים דוקא, ניט מיט קיין שכל, פיט מיט קיין הרגש, נאר מיט אבנים - סוג הדומם, וואס האט אין זיך ניט קיין חיות, און אפילו ניט קיין נפש הצומחת, מיט דעם האט זיך יעקב פארבונדן,

די הוראה פון דעם איז:

אז מ'גייט ארויס אין וועלט, און מ'ווייל אז זי זאל ניט פועל'ן, דארף מען זיך צוערשט פארבינדן מיט קבלת עול מלכות שמים שלימה (ברכות יד,סע"ב, שו"ע אדה"ז ס"ב ס"ח) אבנים, שכל און הרגש זיינען וויניק צו דעם, נאר ער דארף זיך פילן ווי אן אבן דומם, אם לא שויתי ודוממתי (תהלים קלא,ב, זע דארט בפי' ראב"ע), ונפשי כעפר לכל תהי' (ברכות יז,א.) .

א דומם קען זיך ניט רירן אליין פון ארט, ביז וואנען אימיצער וועט אים נעמען און איבערטראגן פון איין ארט צום צווייטן, אזוי דארף ער זיך פילן ווי א דומם - אן עבד פשוט - וואס דער אויבערשטער טראגט אים פון איין ארט צום צווייטן און ער דארף זיך לאזן טראגן, כדי אויסצופירן די כוונה און די שליחות וואס דער אויבערשטער האט אויף אים ארויפגעלייגט.

דער שכר פון דעם איז, ווי ביים ענדע פון פרשה - והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי' בית אלקים, ניט זילבער און ניט גאלד, נאר פשוט'ע שטיינער, נאך מערער, ניט קיין שטיינער פון שטאט, פון א באזעצטער הויז, נאר שטיינער וואס יעקב האט זיי געפונען אין מיטן וועג, זיינען געווארן א בית אלקים, דורך וואס ? - דורך דעם וואס ער האט זיך ארומגערינגלט מיט שטיינער, און דורך דעם וואס ער האט זיך פארבונדן צום אויבערשטן מיט א נדר - וואס דער ענין פון נדר איז: אז כאטש מצד זיין ווילן, פארשטאנד און געפיל, וואלט ער דאס ניט געטאן, אבער דער נדר צווינגט אים - איז דורך דעם איז ער צוגעקומען צום תכלית העלי', אז אויך די געוויינלכסטע זאכן וואס ביי אים, זיינען געווארן א בית אלקים.

און דאס איז אויך אן הוראה און א מוסר השכל פאר אלעמען, ובפרט צו די וואס גייען בויען א בית בישראל, חתן וכלה, אז ניט נאר דער סידור און דער חומש וואס געפינט זיך אין שטוב איז הייליק, נאר אויך - להבדיל - דער גאפל און די לעפל פון שטוב דארפן זיין הייליק, דורך וואס ? דורך דעם וואס די התחלה איז - ויפגע במקום, ביז אז ניט נאר וואכעדיקערהייט און אין דאווגען, נאר אויך אפילו אין שלאף איז: וזה - דארט וואו ער איז - שער השמים, דעמאלט ווערט דער בית און אלץ וואס געפינט זיך אין אים - בית אלקים.

חק תשמ"ז -לט-

משיחת י"ג תמוז, תשמ"ז.

וועגן דעם ענין פון מעקה – האט מיר איינער געפרעגט אין א בריוו: דער טעם פון מעקה איז דאך משום סכנה, ווי עס שטייט אין פסוק ולא תשים דמים בביתך כי יפול הנופל ממנו, און דער רמב"ם (הלכות ברכות פרק יא הלכה ד.) פסק'נט אז אויף א מצוה שמשום סכנה מאכט מען ניט קיין ברכה, אבער אין דעם זעלבן פרק גופא (הלכה ח,) פסק'נט דער דמב"ם אז בשעת מען מאכט א מעקה דארף מען מאכן א ברכה: אשר קדשנו במצותיו וצונו לעשות מעקה.

אין פשטות האט מען געקענט זאגן, ווייל דער ענין פון ולא תשים דמים בביתך קען מען באווארענען אויך דורך אן אנדער אופן, ניט דורך מאכן א מעקה, ווארום א מעקה איז מען מחוייב דוקא בשעת דער בית איז גבוה מהקרקע יו"ד טפחים (זע בבא קמא נא,א.און אין רש"י דארט), האט ער דאך א ברירה צו מאכן נידעריקער דעם גג אדער אויפצוהויבן די קרקע פון רשות הרבים, עס איז דא נאך אן אופן, צו מאכן דעם גג בשיפוע, וועט ער באווארענען דעם לא תשים דמים בביתך און פונדעסטוועגן האט ער ניט די מצוה פון מעקה, דערפאר דארף מען מאכן א ברכה בעשיית מעקה, ווייל דא איז דא אן ענין אויסער דעם ולא תשים דמים בביתך.

אבער דער ביאור איז ניט מספיק, ווארום סוף סוף אויב דער גאנצער טעם פון עשית המעקה איז נאר משום סכנה איז הדרה קושיא לדוכתא, אז אויף דעם איז ניט שייך קיין ברכה.

נאר דער אמת איז, אז ועשית מעקה לגגך און ולא תשים דמים בביתך זיינען צוויי באזונדערע ציוויים, ולא תשים דמים בביתך איז ניט א טעם אויף דעם ועשית מעקה.

א ראי' אויף דעם: דער רמב"ם זאגט א כלל אין שרשי המצוות (שרש ה.) אז די טעמי המצוות רעכענען זיך ניט פאר באזונדערע מצוות במנין תרי"ג, און פונדעסטוועגן במנין המצוות רעכנט דער רמב"ם צוויי באזונדערע מצוות, אין מנין מצוות עשה רעכנט ער די מצוה פון ועשית מעקה (מ"ע קפד,) און במנין לא תעשה רעכנט ער די מצוה פון ולא תשים דמים (מל"ת חצר,), זעט מען דאך אז דער ולא תשים דמים איז ניט קיין טעם אויפן ועשית מעקה נאר עס איז א באזונדערע מצוה.

דער מקור פון דעם רמב"ם איז אין ספרי, אין ספרי (דברים כב,ח,) שטייט, ועשית מעקה לגגך, זו מצות עשה, ולא תשים דמים בביתך, מצות לא תעשה.

דער ענין פון דעם אין עבודת האדם:

כשעת א איד בויט אויף א בנין חדש זיינען ניט גענוג די גדרים

ובפרט ווען



די גדרים וואס ער האט געהאט פריער און וואס ער איז בייגעשטאנען דורך זיי אלע נסיונות, ובמילא קען דאך זיין אז והתברך בלבבו אז שלום יהי' לי, עברו רוב שנותיו ולא חטא (יומא לח,ב.), ער דארף אבער וויסן, אז וויבאלד ער גייט איבער אין א בית חדש, האט ער א נייע עבודה און ער דארף זיך באווארענען אויף בייצושטיין די נייע נסיונות וואס קענען זיין אין דער עבודה חדשה.

בשעת מען גייט ארויס פון כותלי בית המדרש אין וועלט, וואס דא הויבט זיך אן א נייע עבודה, עס הויבן זיך אן ביי אים ענינים, וואס ביז איצטער האט ער ניט געהאט צו טאן מיט זיי.

און אזוי אויך ביי יעדן מענטשן אין יעדן טאג, וואס דער אנהויב טאג דארף זיין עבודת התפלה, דערנאך לימודי התורה, איז בשעת ער גייט ארויס פון ד' אמות של תפלה און ד' אמות של הלכה אין די ל"ט מלאכות עובדין דחול,

דארף ער מאכן א מעקה, צו באווארענען אז די עניני עולם און עובדין דחול זאלן זיין ווי מען דארף, אז אין דעם זאל ניט זיין דמים בביתך און קיין יפול הנופל.

אזוי ווי אין גשמיות דארף די מעקה זיין העכער פון בית, העכער אפילו פון גג הבית, אזוי אויך אין רוחניות דארף מען נעמען די מעקה פון אן ארט וואס איז העכער פון זיך, א סיוע ממקום עליון יותר.

און דערפאר איז שייך, און ניט נאר שייך נאר מען דארף מאכן א ברכה אויף א מעקה, ווארום ווי אזוי קען מען מאכן א מעקה, נעמען פון אן ארט וואס איז העכער פון דעם ארט אין וועלכן מען געפינט זיך ?

אויף דעם דארף מען מאכן א ברכה, און לויט דעם פירוש פון רז"ל (זע ווי אנגעצייכנט אין מפתח צו תורה אור ערך ברכה, המשך חייב אדם לברך תרל"ח,): ברכה – מלשון המבריך את הגפן ד.ה. א המשכה – ברוך אתה הוי', וואס הוי' איז העכער פון וועלט, איז דורך אלקינו (גבורה וצמצום צוליב אונז) איז מען דאס ממשיך אין מלך העולם, און דורך דעם ווערט דער וצונו, מלשון צוותא, וחיבור, לעשות מעקה, דאס גיט דעם כוח אויף מאכן א מעקה גבוה עשרה טפחים אויפן גג פון עולם הבריאה וואס דאס איז די קרקע פון עולם האצילות, ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל.

די הוראה מפורטת פון דעם איז:

על דרך ווי די הוראה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז יעדער ראש השנה דארף מען עפעס מוסיף זיין בהידור מצוות עשה, בזהירות מלא תעשה ובהנהגה טובה,

– אפילו אויב אויך פריער זיינען געווען אלע זיינע

הוהגות

הנהגות ווי מען דארף –

ווייל יעדער ראש השנה ווערט נמשך אן אור חדש, ווי עס שטייט אין אגרת הקדש (סימן יד),

אזוי אויך, בשעת א איד הויבט אן אַן עבודה חדשה, צי בשעת ער גייט ארויס מכותלי בית המדרש אין וועלט, אדער יעדן טאג גופא נאכן דאווענען און לערנען אין דער פרי – ווען ער הויבט אן צו טאן מיט עניני עולם, דארף מען עפעס מוסיף זיין אויף זיין פריערדיקן מעמד ומצב,

און דאס איז: כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך, מלמעלה גיט מען כוח אויף מאכן א מעקה, וואס א מעקה דארף זיין יו"ד טפחים, אויף ממשיך זיין דעם אור חדש אין אלע זיינע עשר כחות הנפש, פון די כחות חב"ד ביז דעם כוח המעשה, וואס במילא ווערט דעמאלט באווארנט דער ולא תשים דמים, ולא יפול הנופל וגו', ואדרבה, עס ווערט – כתפארת אדם לשבת בית (ישעי' מד, יג.).

משיחת כ' מנחם אב, תשי"ד. <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

עפ"י רמז הנ"ל בפסוק כי תבנה בית חדש, וועט מען פארשטיין צוויי דיוקים:

א) לשון הפסוק בית <u>חדש</u>, וואס לכאורה איז עס היפך הדין, ווארום עפ"י דין איז לאו דוקא חדש נאר אויך א בית שבא במתנה ובירושה חייב במעקה.

– אין ספרי זאגט ער, חדש – בחידושו, דאס הייסט אז נאך איידער ער האט זיך איינגעקליבן און דער בית איז נאך בחידושו איז ער שוין חייב במעקה, אבער פונדעסטוועגן איז ניט מובן, ווארום דער דין האט ער געקענט מרמז זיין מיט א אנדער ווארט, און ניט שטעלן דעם ווארט חדש, וואס אין פשטות איז דאס היפך הדין –

ב) אויפן פסוק פן יפול <u>הנופל</u> ממנו, פרעגט די גמרא, איידער ער פאלט איז ער דאך ניט קיין נופל, וואס רופט אים שוין אן דער פסוק הנופל ? ענטפערט די גמרא, ראוי הי' ליפול משׁשת ימי בראשית, איז אבער נאך ניט מובן, וואס איז דאס אבער נוגע צום ענין המעקה דוקא, אז בא דעם ענין המעקה דארף זאגן דער פסוק אז ראוי הי' ליפול ?

ועפ"י הנ"ל אז דאס גייט אויפן זמן ווען דער אדם הייבט אן א עבודה חדשה, וואס בכללות גייט עס אויפן זמן הנישואין, יובן בפשטות, ווייל אין די צוויי ווערטער, "חדש" און "הנופל", איז ער מבאר דעם טעם אויפן חיוב המעקה כדלהלן.

און דאס איז איינע פון די ענינים וואס זיינען ניט מובן ע"פי נגלה און מען מוז אנקומען צו פנימיות התורה, (ראה בליקוט לשבת חוהמ"ס סעיף ד)

בשעת

בשעת מען גייט ארויס מכותלי ביהכ"נ וביה"מ אין וועלט, האבן צוטאן מיט דברים גשמיים, ווערט עס אנגערופן בית "חדש", מצד כמה טעמים.

א) בא דעם אדם העובד איז עס א עבודה חדשה, שלא הורגל בזה.

ב) גשמיות איז א דבר חדש, כמאמר הידוע, התהוות הגשמיות מן הרוחניות אין לך בריאה יש מאין גדול מזה.

אין דעם ענין ההתחדשות איז פראן כמה מדריגות, דער כללות האור שאחרי הצמצום איז א התחדשות, א"ק ווערט אנגערופן בריאה דכללות, כלים דאצילות איז א התחדשות, אבער די אמיתית ההתחדשות איז אין עוה"ז הגשמי.

ג) תכלית כוונת הבריאה איז ניט נאר להמשיך את האור שהי' ממלא את מקום החלל קודם הצמצום, נאר להמשיך אור חדש דוקא, און דאס ווערט אויפגעטאן ע"י בירור דברים הגשמיים - התהוות חדשה וואס ענין ההתהוות בדרך התחדשות איז בכח העצמות דוקא (אגה"ק סי' כ').

ומצד דעם וואס ס'איז א בית חדש - א) דעם אדם איז ניט מורגל אין דעם, ב) דער ענין מיט וועלכן מען האט צוטאן איז זייער נידעריק און ווייט פון רוחניות, ביז מען זאגט אז גשמיות איז אמיתית ההתחדשות, ג) די עבודה איז ממשיך זיין א אור חדש, וואס דערפאר איז דא אויף דעם א שטארקע התנגדות מהחיצונים - דערפאר איז מען מחויב במעקה.

נאך מערער, איז ער מבאר דעם טעם אין פסוק -"הנופל".

אין גשמיות געפינט זיך רפ"ח ניצוצות דתהו וואס דורך שבירת הכלים זיינען זיי געפאלן און נתלבש געווארן אין גשמיות, און דער אדם דארף זיי מברר זיין, און אויפהייבן זיי צוריק לשרשם.

דארף מען וויסן, אז בכדי צו מברר זיין גשמיות, מוז מען האבן א מעקה, אן א מעקה, איז ניט נאר וואס ער וועט זיי ניט מברר ומעלה זיין, נאר אדרבה, ער וועט זיי נאך מוריד זיין מער, פועל'ן אין זיי א נפילה נוספת.

און דאס מיינט יפול הנופל, הנופל כבר, יפול נאך נידע-ריקער, נאר דורך דער מעקה דוקא, אז ער וועט זיך אפצאמען פון גשמיות, דוקא יעמולט קען ער מברר זיין.

אן דער מעקה, אויב ער איז ניט אפגעצאמט פון גשמיות, איז לא זו בלבד וואס ער וועט ניט מעלה זיין דעם גשמי נאר ער וועט אים נאך מוריד זיין, דערפאר איז די התחלה מוז זיין דער סור מרע, זיין אפגעצאמט ומובדל פון גשמיות, וואס דוקא יעמולט קען ער צוגיין צו דער עבודה פון ועשה טוב, בקש שלום ורדפהו, מאכן שלום צווישן גשמיות און רוחניות, ד.ה. מאכן פון גשמיות רוחניות, והיו לבשר אחד, מאכן

מאכן פון בשר, אחד,

בנוגע לפועל איז: בחורים וואס גייען חתונה האבן בשעטומ"צ קענען דאך טראכטן: עס שטייט דאך אז חתן ביום חופתו מוחלין לו על כל עוונותיו, איז די פריערדיקע איז מען מוחל, ולהבא איז ווער האט דאס ניט איין עבירה׳לע, צוויי אדער דריי ר"ל, דארף מען וויסן אז וויבאלד עס איז א בית חדש, דארף מען האבן א מעקה.

ועל דרך המבואר בענין העליות שבג"ע, אז הגם אין א נידעריקערער מדריגה בג"ע האט ער געקענט זיין, ~~(חסר כמה תיבות)~~ אבער ארויפגיין העכער, דארף מען ערשט האבן א נהר דינור ועמוד, וואס אזוי איז אויך אין עבודה, אז בשעת שרוצים להעלותו איז ניט מספיק די תשובה הקודמת, כמבואר בתניא (פכ"ט).

אזוי איז אויך צו דער עבודה פון בית חדש וואס ס׳איז שלימות העבודה והמשכת אור חדש, איז צו דער מדריגה מוז מען זיין ריין לגמרי, דאס איז מצד למעלה, און אזוי אויך מצד למטה, וויבאלד ער פארנעמט זיך מיט גשמיות, א דבר נמוך ביותר שנפל בשבירת הכלים, מוז מען האבן א זהירות יתירה - ועשית מעקה.

למותר צו זאגן אז אויב מען האט ~~דאס~~ ניט געטאן את הנ"ל פאר דער חתונה, זאל מען דאס טאן לכה"פ בשבעת ימי המשתה, און אויב אויך ניט יעמולט, איז במשך שלשים יום בעסער ווי במשך ששים יום, ובמשך ששים איז בעסער ווי במשך תשעים.

און אפילו די וואס זיי האבן שוין לאנג חתונה געהאט, און מאכן שוין חתונה קינדער, איז אויב זיי האבן נאך ניט געמאכט קיין מעקה, זאלן זיי מאכן, און וואס פריער איז אלץ בעסער.

ס׳איז דאך ידוע אז בנישואין ווערט נמשך כח הא"ס, וואס דערפאר קומט עס ארויס אין בנין עדי עד בדור ישרים יבורך, וואס דאס איז אויך א׳ הטעמים על מרז"ל, חתן ביום חופתו מוחלין לו על כל עוונותיו, ווייל נישואין דערלאנגט אין א"ס שלמעלה מהשתל׳, וואס דארטן איז ניט שייך קיין פגמים כו׳.

און אזוי ווי אלע המשכות אויך די המשכות שלמעלה מהשתל׳, קומען ע"י אתעדל"ת, דערפאר דארף מען האבן א הכנה אויף דעם, און דאס איז אויך דער טעם וואס חתן וכלה מתענים ביום חופתם, שהתענית הוא מכלל ענ׳ני התשובה.

עס איז דאך אשרי לצדיק ואשרי לשכנו, איז די המשכה שלמעלה מהשתל׳, ובמילא אויך די הכנה צו דעם, הייבט זיך אן א משך זמן קודם הנישואין.

פון ווען אן דארף זיך אנהייבן די הכנות - איז דאך מרובה מדה טובה כו׳, פון דער צייט וואס מען הייבט זיך אן צו טומלען אין די ענינים חיצוניים של החתונה.

– וועגן געלט, וועגן אויסזעצן דעם עולם, עס זאל ניט זיין קיין קנאה במע"ב און ניט ממעט זיין קיינעמס ישות, (וואס דער גאנצער ענין הישות איז ניט לפי האמת ווארום אמת אמר אל יברז וועגן בלומען, וועגן פיקשעס, און לעצטענס איז נאך געווארן ר"ל קאלירטע פיקטשעס, ניט נאר שווארץ אויף ווייס נאר קאלירען –

איז פון דער צייט אן זאל מען זיך בעסער טומלען אין דעם ועשה טוב, מאכן א חשבון פון אלע עוונות שבמשך כל ימיו און טאן תשובה, לערנען תורה, מקיים זיין מצות בהידור, און טאן אין עבודת התפלה,

בנוגע די דינים וואס מען דארף לערנען, דארף מען דאך ניט באווארענען ווארום בני ישראל ובנות ישראל כשרים כשרות, וועט מען דאך זיכער לערנען די דינים וויפיל מען דארף און ווען מען דארף, ניט אפלייגן אויף שפעטער, נאר אויסער דעם, דארף מען אויך טאן אין לימוד התורה, קיום המצות בהידור, עבודת התפלה, ותשובה באמת, וואס דורך דעם וועט זיין מוחלין לו על כל עוונותיו און עס וועט זיין בשעה טובה ומצלחת און א בנין עדי עד.

דעם מיטעלן רבי'ן האט מען גערעדט עטליכע שידוכים, האט דער מיטעלער רבי געוואלט דעם שידוך וואס עס וועט זיך אויספירן וואס שנעלער, ווארום ער האט שוין ניט געהאט קיין געדולדט צו ווארטן אויף די מאמרים וואס ער וועט הערן אויף דער חתונה.

בא היינטיקע חתנים קען מען ניט מאנען אז די גאנצע חתונה זאל זיין זיי נוגע נאר אויף להרבות אור החסידות בעולם, אבער לכה"פ מאנט מען, מען זאל זיך ניט פארגעסן, אויף א בפירוש'ן דין, וואס ער איז ניט נאר אין חסידות נאר אויך אין נגלה און עס איז אפ געפסק'נט אין דין, אז חתן ביום חופתו מוחלין לו על כל עוונותיו במשך כל ימיו, אויך אויף דעם חטא החמור פון ח"נ, וואס ס'איז גורם את הגלות ומעכב את הגאולה.

איז איך אזא צייט, דארפן אלע ענינים חיצונים (אפילו ענינים פון א דירה וואס בית איז נוגע להאדם מער ווי מזון ולבושים) אין דער צייט זיך טאן על ידי אחרים, און חתן וכלה אליין דארפן ניט טראכטן וועגן דעם טפל נאר וועגן זעם עיקר.

דער עיקר איז דאך אז די חתונה זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת און עס זאל זיין א בנין עדי עד, איז באווארענען דאס קען מען ניט מיט פיקטשעס והדומה נאר מיט לערנען תורה, מקיים זיין מצות בהידור און טאן אין עבודת התפלה, און טאן תשובה, ותשובה באמת, ווי דער רבי האט איבערגעזאגט בשם הרשב"ץ, ער האט זיך שוין מוחל געווען, ער מאכט א חשבון אז מיט איין רגע קען ער ווערן פון א רשע גמור א צדיק גמור, במילא האט ער זיך שוין מוחל געווען,

מען דארף

מען דארף תשובה טאן אז <u>דער אויבערשטער</u> זאל מוחל זיין, און דערמיט דוקא קען מען באווארענען אז די חתונה זאל זיין בשטום"צ און א בנין עדי עד,

און דאס וואס ער מיינט אז ער דארף זיין טרוד אז די חתונה זאל זיין בא אים אזוי ווי בא אלע מענטשן, זעט מען באלד בא די ערשטע חתונה, די חתונה פון אדם הראשון, וואס יעמולט איז ניט געוועזן קיין פיקטשעס, ~~נים נאר קיין קאלגבעט נאר אפילו נים קבנד שראדין אויף דגלים, עס איז געווען בגלוי שמה~~, און פונדעסטוועגען איז געווען בהצלחה, מען דארף אפלאזן אלע הבלי העולם, און יעמולט וועט זיין די חתונה בשטום"צ און א בנין עדי עד, ווי דעם אויבערשטענ'ס רצון איז.

פאסטן
כ"ק מו"ח אדמו"ר פלעגט אויך ביום החופה פון זיינע קינדער וואס פון דעם איז מובן אז כל הנ"ל איז שייך אויך צו די עלטערן פון חתן וכלה.

מאנען בא זיי, זיי זאלן זיצן די גאנצע צייט און לערנען דרך החיים אדער צאינה וראינה, קען מען ניט, ווארום זיי דארפן דאך צוגרייטן די צרכי החתונה, אבער דאס מאנט מען בא זיי, אז די הכנות זאלן זיין בעיקר, אין די ענינים פון ונפלינו אני ועמך, און די איבעריקע ענינים קען מען טאן אויך אן הידורים, און ~~וואס~~ מען וועט דאס טאן קאלטערהייד, וועט עס זיין ~~אלע~~ געזינטער פאר זיך און פאר די מסובים.

דאס מאנט זיך פון די עלטערן, אבער פון חתן וכלה אליין מאנט מען, זיי זאלן אינגאנצן ניט ליגן אין די ענינים הטפלים, דאס קען זיין נעשה ע"י אחרים, מילא אז מען דארף מעסטן קליידער מוז מען דאך מעסטן אויף אים, איז אויך ניט ער דארף ליגן <u>אין דעם</u>, אבער אנדערע זאכן, און נאך ליגן אין דעם, - מעג ער האבן בטחון אין אויבערשטען, אז עס וועט זיין אלץ כדבעי.

די עבודת התשובה שקודם הנישואין, דארף זיך אנהייבן בכלל נאך תנאים, נאר אויך די וואס זיינען נאך פאר תנאים וצריכים לאותו דבר, דארפן זיי טאן תשובה באמת און דורך דעם וועט נמשך ווערן דאס וואס זיי דארפן, ווארום די העלמות והסתרים וואס זיינען געוועזן אויף דעם ביז איצטער, איז דאס מצד דעם שלא היתה תשובתו כדבעי, און דורך תשובה באמת וועלן זיי אראפנעמען די העלמות והסתרים.

אזוי אויך לאידך גיסא, בנוגע די וואס זיי זיינען שוין אחרי הנישואין, און נאך ניט געטאן קיין תשובה כדבעי, דארפן זיי טאן תשובה איצטער.

- בחיובי הבעל לאשתו איז פארן א חקירה צו דער חיוב איז

איז געווארן איין מאל בשעת הנישואין אויף די גאנצע צייט, אדער אז יעדער מינוס ווערט א נייער חיוב, הנ"מ בשעת איינער האט צוויי נשים, צי עס איז דא א דין קדימה לאשתו הראשונה, דלאופן הא׳ יש דין קדימה, וויבאלד דער חיוב איז געווארן פריער, ולאופן הב׳ אין דין קדימה, וויבאלד דער חיוב ווערט יעדער מינוט, במילא זייבען ביידע גלייך -

און דאס וועט העלפן אויך אויף פריער, וואס דאס איז דער לימוד פון פסח שני אז עס איז קיין מאל ניט פארפאלן, ווארום בכח התשובה איז צו מתקן זיין אלע חסרונות, וע"ד חכם מתיר את הנדר מעיקר,

און דאס וועט העלפן אויך אין גשמיות, און די חסרונות, פון העדר שלום בית והדומה, וואס מצד העדר התשובה כדבעי, אז זיי וועלן איינגאנצן פארגעסן ווערן פונקט ווי זיי וואלט קיין מאל ניט געווען, אזוי ווי עס שטיט אודך הוי׳ כי אנפת בי, אז כאטש כי אנפת בי, פונדעסטוועגען אודך, ווארום עס הערט זיך ניט איצטער דער גאנצער אנפת, און עס הערט זיך נאר טובה.

משיחת ש"פ קרח ג׳ תמוז, תשח"י. <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

אין הלכות תלמוד תורה, ווערט אפ גע׳פסק׳נט דער דין אז יעדער איינער מוז לערנען כפי הפנאי שלו, דער וואס איז ניט טרוד אויף אזויפיל בפרנסתו איז מחויב מערער צו לערנען אויף וויפיל ער האט צייט, און דער וואס מלמעלה איז מען מזמין את פרנסתו אן עסק לגמרי, ליגט אויף אים דער חיוב די גאנצע ת"ח כמ"ש לא ימוש יומם ולילה.

א חתן איז דומה למלך און ער טאר ניט טאן קיין מלאכה, הייסט דאך דאס אז מען גיט אים מלמעלה את פרנסתו אן מלאכה, איז דאס א הוראה, אז אויך א בעל עסק, וואס כל הזמן האט ער ניט קיין צייט צו לערנען מצד טרדתו, אז אבער אין דער צייט פון קודם הנישואין ואחרי הנישואין, בשבעת ימי המשתה, וויבאלד אז יעמולט דארף ער ניט ארבעטן, במילא ליגט אויף אים דער חוב אויף אפגעבן זיך מיט תורה ועבודה במשך כל היום.

היפך ממה שנוהגים אז אפילו דער וואס משך כל הזמן לערנט ער דעם גאנצן טאג, איז בשעת עס קומט דער זמן הנישואין, גיט מען זיך אפ אויף דברים של מה בכך, ענינים פון הכנות לנישואין שאין תופסים מקום כלל.

ולבד מצד דעם חיוב פון תלמוד תורה כנ"ל, לבד זאת, וויבאלד אז דער זמן פון קודם הנישואין ואחרי הנישואין, איז א

יסוד

יסוד איפן גאנצן לעבן, איז דאך א דבר הפשוט, אז וואס מערער מען לייגט אריין אין דעם יסוד, אלץ מערער האט מען שפעטער אין דעם בנין במילא איז וואס מערער ער וועט זיך אפגעבן בימים אלו לתורה ועבודה, אלץ מערער וועט ער שפעטער האבן אין דעם בנין, ניט נאר אין רוחניות נאר אויך אין גשמיות, וכמשנת"ל בארוכה.

אויב עס איז אזוי אין די ימים שקודם הנישואין ואחרי הנישואין, איז דאך א דבר הפשוט אז אין יום הנישואין גופא איז א ודאי אזוי, חתן ביום חופתו מוחלין לו על כל עוונותיו, וואס דאס איז איינע פון די טעמים מה שהחתן וכלה מתענין ביום חופתם, ווייל בא זיי איז דאס דוגמת יום כפורים, איז דאך פשיטא אז אין אזא טאג דארף מען זיך ניט אפגעבן אויף ענינים חיצוניים.

כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געפאסט אויך ביום נשואי בנותיו, והנה יש ב׳ טעמים על מה שמתענה חתן ביום חופתו, א) מצד כפרה כנ"ל, ב) ווייל קדושין דארף זיין בדיעה צלולה כו׳, וואס בידע טעמים זיינען ניט שייך בא די עלטערן, ווארום די כפרה איז דאך נאר פאר חתן כלה און ניט להורים, וכמו"כ איז ניט שייך דער טעם פון קדושין בדיעה צלולה.

ואין לומר אז דער טעם איז געווען בשביל סיוע, ווארום א סיוע קען דאך זיין אויך מיט אנדערע ענינים, אזוי ווי תורה ותפלה וצדקה והדומה, בשביל בניו, כמו"כ אין לומר אז דער טעם וואס דער רבי האט געפאסט איז ווייל ער האט מסדר קדושין געווען וסידור קדושין צריך להיות בדיעה צלולה, דא"כ איז דאך דאס ניט שייך בנשואי בנותיו דוקא, והי׳ צריך להיות שכל מסדר קדושין יתענה.

אמנם יש טעם שלישי על ענין התענית והוא משום דליכא כתובה דלא רמו בי׳ תיגרא, איז אויף דעם דער ענין התענית אויף אראפנעמען די תיגרא.

והענין הוא, ווייל בנישואין טוט זיך אויף דער ענין פון המשכת א"ס בנבראים כידוע, איז דערפאר שטעלט זיך דער שטן כנגד זה און מאכט אויף א תיגרא, און אויף אראפנעמען די תיגרא איז דאס דורך א תענית, וואס דער טעם איז שייך אויך בא די עלטערן.

עס וועלן דאך מסתמא זיין אזוינע וואס וועלן אויסטייטשן אז איך וויל איינפירן שהורי החתן והכלה יתענו ביום החופה, זאג איך בפירוש אז ניט דאס איז מיין ענין, איך בין נאר מבאר א טעם אויף די הנהגה פון רבי׳ן, וואס ער איז געווען א נשמה כללות און האט מהדר געווען בכל המיני הידורים, און דאס איז ניט קיין ענין וואס מען דארף אים נאכטאן, אויב מען וויל נאכטאן דעם רבי׳ן, זאל מען אים פריער נאכטאן בשאר עניני עבודתו והידוריו בכל עניני המצות, און ניט אנהייבן מיט א ענין פון פאסטן, און אויב מען וויל, קען

מען

מען געבן צדקה אנשטאט דעם תענית.

עכ"פ מובן מכל הנ"ל, אז דער יום הנישואין איז זייער נוגע, און מען דארף אפגעבן די צייט אויף תורה ועבודה.

ווארום דאס איז דאך א ענין כללי כנ"ל, און ניט באר א ענין כללי בחייו הפרטיים נאר אויך בכללות העולם, ווארום עס איז דאך המשכת כח הא"ס בנבראים כנ"ל, איז דאך יעדער נישואין פרטי א ענין כללי בכללות העולם.

ובפרט עפ"י מאמר הבעש"ט אז דער אויבערשטער האט האלט א אידן, יעדער אידן, מערער ווי אהבת האב לבנו יחידו שנולד לו לעת זקנתו, איז דאך פשיטא דער גודל השמחה למעלה פון יעדער נישואין של איש פרטי, ווארום ס'איז דאך שמחת חתונת בנו יחידו, וואס דאס איז א שמחה גדולה ביותר, ~~ובלשון~~ המורגל אין חסידות בשעת מען וויל ריידן וועגן א שמחה גדולה מאלט מען אויס שמחת חתונת בנו יחידו.

ר"ד מה שדיבר כ"ק אדמו"ר שליט"א, בעת קבלת פנים של החתן התמים מוה"ר הירש שי' חיטריק, פורים קטן, ה.תשי"א. **הנחה בלתי מוגה.**

(הוסב הדיבור אם החתן מתענה כשחל יום חתונתו בפורים קטן, ואמר האדמו"ר מקופישניטש שליט"א, אשר אצלם המנהג הוא שאין מתענים, אבל כיון שכ"ק אדמו"ר שליט"א אמר להתענות, לא אמר מאומה וענה כ"ק אדמו"ר שליט"א:)

די חתונה פון רבי'נס אינגערע טאכטער (הורינשטיין) האט זיך די חופה שטארק פארשפעטיקט, ווייל דער רבי האט געוואר'ט אויף איינעם, און דער מנהג איז געווען אז דער רבי פלעגט אויך פאסטען, פונדעסטוועגען האט מען גומר געווען דעם תענית.

עס שטייט אין ספרים אז די טבעת דארף זיין ווי א סמ"ך און ווי א מ"ם, דערפאר דארף די טבעת זיין עגולה בפנים ומרובעת מבחוץ, אויך שטייט אין ספרי הקבלה אז די טבעת דארף זיין פון כסף, אבער דער מנהג איז אז די טבעת איז א עגולה (אויך מבחוץ) און די איז פון זהב.

אויף די בר מצוה פון דעם פלימעניק (..... שלום דובער שי' נכד כ"ק אדמו"ר נ"ע) האט דער בר מצוה געזאגט חסידות, עס איז מובן אז פאר דעם רבי'ן האט קיינער ניט געשטערט דעם בר מצוה אין מיטן מאמר, נאך דעם מאמר האט דער רבי געזאגט: דער מנהג אין פולין איז דאך אז מען איז מפסיק, במילא זאל דער בר מצוה זאגן נאך אמאל און מען זאל אים מפסיק זיין.

ר"ד

ר"ד מה שדיבר כ"ק אדמו"ר שליט"א בעת הקבלת פנים של החתן הרב התמים ר' שלום דובער שי' גולדשמיד, יו"ד אלול ה,תשי"א.

<u>הנחה בלתי מוגה.</u>

עס שטייט בנים אתם להוי' אלקיכם, ד.ה. אז אידן זיינען דעם אויבערשטענס קינדער, וואס דערפאר איז אין אלע ענינים וואס אידן טוהען - אויך דאס וואס אנדערע (ניט אידן) טוהען דאס אויך - איז פראן א ענליכקייט צום אויבערשטען, דאס הייסט ענינים פון תורה וואס דאס איז די אנליכקייט צום אויבערשטען.

אזוי ווי קינדער האבען דאך א ענליכקייט צום פאטער און מוטער אזוי איז אלע ענינים וואס אידן טוהען איז פראנען אין דעם א ענליכקייט צום אויבערשטען - זייער פאטער - און צו כנסת ישראל - זייער מוטער - וואס דערפאר איז א מנהג ישראל, האט עס ענליכקייט צום אויבערשטען און עס איז תורה.

דער מנהג בא א חתונה איז אז מען נעמט דעם חתן און כלה אונטער א חופה און די כלה דרייט ארום דעם חתן, און נאכעהר גיט דער חתן צו די כלה א טבעת, וואס דערמיט איז ער איהר מקדש.

הגם עס איז ניט קיין הלכה, און אין גמרא איז דאס ניטא, - אין גמרא שטייט בכסף ובשוה כסף - אבער אין זוהר שטייט אז מ'איז מקדש מיט א טבעת ~~און די טבעת דארף זיין געגעבן מ' סתום און ניט דורך~~ ~~א שליח - אבער דיבאלד עס איז~~ א מנהג ישראל, און מנהג ישראל תורה, ווארום אלע ענינים וואס אידן טוהען האט עס א ענליכקייט צום אויבערשטען, ממילא איז מובן אז די אלע ענינים איז פראנען...

אויף דעם ענין פון נשואין שטייט אויף דעם דער לשון קשה לזווגם, דערפאר דארף מען האבען אויף דעם א המשכה פון א מקיף דוקא, כדי עס זאל זיין א בנין בית בישראל אויף יסודי התורה והמצוה און בא חסידים ווי עס איז באלויכטען געווארן דורך דעם מאור שבתורה - תורת החסידות.

וויבאלד אז עס איז פראנען ענינים וואס קומען פון פאטער וואס קומען פון מוטער און וואס קומען פון אויבערשטען, דערפאר דארף דא אויך זיין דריי מקיפים, א מקיף פון דער כלה, א מקיף פון חתן און א מקיף מלמעלה אויף זיי ביידען,

דאס וואס די כלה דרייט ארום דעם חתן, דאס איז דער מקיף וואס די כלה גיט פון איהר זייט, ד.ה. אז זי גיט זיך איבער מיט איהר מקיף אויף בונה זיין א בית בישראל על יסודי התורה והמצוה, דאס וואס דער חתן גיט א טבעת די כלה, דאס איז דער מקיף פון זיין זייט, אז אויך ער גיט זיך איבער עס זאל זיין אויף יסודי התורה והמצוה, נאר בכדי זיי זאלען האבען כח אויף איבערגעבען זיך מיט זייער מקיף, אויף דעם איז די חופה וואס איז מקיף זיי

ביידען, דאס איז דער נתינת כח מלמעלה זיי זאלען זיך איבערגעבען מיט זייער מקיף וואס דאן וועלען זיי בויען זייער בית אויף יסודי התורה והמצוה, וואס דאן וועט נמשך ווערען מבחי' מקיף העליון, למעלה מסדר השתל' אויך אין גשמיות בהצלחה מופלגה, נאך מער ווי זיי אליין ווינטשען זיך.

איצטער איז דאך חודש אלול, און עס איז דאך אלץ בהשגח"פ וואס אויך חודש אלול האט א שייכות צו דעם ענין הנ"ל.

דער ענין פון ויפל ה"א על האדם תרדמה גו' ויבן ה"א את הצלע גו' – דער ענין הזיווג למעלה – זיווג זו"ן – איז דאך אלץ געווען בחודש אלול, וואס דערפאר איז די עבודה פון אלול אויך באופן הנ"ל.

די עבודה פון אלול איז דאך אני לדודי ודודי לי, וואס דאס איז בדרך מלמטה למעלה, ניסן איז דודי לי ואני לו, מלמעלה למטה פריער דער דודי לי און נאכעהר במשך הזמן ווערט במילא דער אני לדודי, אבער אלול איז אני לדודי ודודי לי, מלמטה למעלה, אייגענע עבודה, אזוי ווי בא קדושין דארף זיין מדעתה דוקא, און די עבודה איז מבחי' מקיף שבנפש, העכער פון כחות הגלוים.

אויף דעם גופא – אבער – עס זאל קאנען זיין דער אני לדודי די אייגענע איבערגעגעבענקיים, אויף דעם דארף זיין א נתינת כח מלמעלה, וואס דאס איז די התגלות י"ג מדות הרחמים, ע"ד ווי דער מקיף פון חופה וואס דאס איז א נתינת כח אויף די איבערגעגעבענקייט פון זייערע מקיפים.

וסה"ג ג' יודין. [ה] שלה עי' [

אלול איז די ר"ת פון אני לדודי ודודי לי, ~~אזוי~~ ווי עס רעדט זיך אז מילה איז העכער פון שם הוי' ווארום מילה איז די ר"ת פון מי יעלה לנו השמימה און הוי' איז די סופי תיבות, אזוי איז מובן אז אלול איז העכער פון שם ע"ב וואס דאס איז שם הוי' במילוי יו"דין, – אין די שמות מ"ה ב"ן און ס"ג איז ניטא קיין ד' יו"דין נאר אין שם ע"ב דוקא – ,

עס שטייט בדרוש משכיל לאיתן האזרחי אז איתן איז שם ע"ב וואס דאס איז בחי' יחידה שבנשמה וואס פון דעם איז מובן אז די עבודה פון אלול איז נאך העכער ווי די עבודה בבחי' יחידה.

ולכאורה וואס איז שייך א העכערע עבודה ווי מיט בחי' יחידה שבנשמה וואס דאס איז דער עצם הנשמה, וואס דערפאר איז יחידה בחי' שם ע"ב שאינו מחודש, וואס דאס איז די מעלה פון שם ע"ב לגבי אלע שמות שכולם מחודשים משא"כ בחי' ע"ב ?

נאר דער ענין איז ווי עס איז ידוע אז אויך יחידה איז מערנים ווי א כלי און א שם בלבד כמאמר חמשה שמות נקראו לה (וואס לה מיינט דער עצם) נפש רוח נשמה חי' יחידה, וואס א גאנץ יאהר איז די עבודה

עבודה בבחי׳ יחידה, בלבד, אבער וואס איז מיטן עצם ווייס מען ניט, כמאמר ריב"ז ואיני יודע באיזה דרך מוליכין אותי וואס דאס איז מיטען עצם כידוע, אבער אלול איז די עבודה מיטען עצם הנשמה.

לכאורה וויבאלד אז ריב"ז האט געזאגט ואיני יודע באיזה דרך מוליכין אותי, ער האט ניט געוואוסט וואו איז זיין עצם, איז ווי קאן זיין די עבודה בבחי׳ העצם, וואס אפילו ריב"ז האט ניט געוואוסט וואו איז זיין עצם ?

נאר דאס איז דורך די איבערגעגעבענקייט צום נשיא הדור, צום שווער צום רבי׳ן, וואס דאן אז מען גיט זיך איבער צו איהם מיטן גאנצען עצם, איז ידוע וואס דער עצם איז, ווארום דער רבי איז ניט קיין ממוצע המפסיק נאר א ממוצע המחבר – איינער א חסיד שרייבט מיר אין א בריוו אז ער דער רבי און דער אויבערשטער איז איין זאך – במילא איז דאן ווייס מען וואו דער עצם איז, און דאס איז אני לדודי – די עבודה מיטען עצם.

און אזוי ווי אלול – דער ענין הזיווג דזו"ן למעלה, איז די עבודה מיטען עצם, אזוי איז אויך די מקיפי הנשואין הנ"ל, איז די איבערגעגעבענקייט מיטען עצם, וואס דאן ווערט נמשך אויך פון אזא ארט שלמעלה מהגבלות לגמרי און עס קומט אראפ אויך אין גשמיות נאך מערער ווי זיי אליין ווינטשען זיך.

קטע משיחת יו"ד שבט, תשח"י. <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

דער רבי בעל ההילולא האט אמאל געזאגט:

אמאל איז געווען דער געפיל אין אידישע הייזער אז דער עיקר איז תורה און אז תורה שטייט העכער פון אלץ.

בשעת מען האט געדארפט חתונה מאכן קינדער איז געווען בפשיטות אז נאך דער חתונה וועט זיין פרנסה פון יונגן פאר פאלק אויף די עלטערן משני הצדדים, בכדי אז דער יונגער מאן זאל ניט האבן קיין בלבולים ומניעות און קענען לערנען תורה במנוחה ובטהרה.

דער הרגש איז געווען סיי בא די עלטערן און סיי בא יונגן פאר פאלק, אז דער יונגער מאן דארף לערנען עטליכע יאר תורה לשמה אן קיינע תכליתים.

דאס איז געווען אזוי בפשיטות ביז אז אפילו די גוישע דינסט האט אויך געוואוסט אז מען דארף ניט קלאפן מיט דער טיר בשעת דער יונגער מאן זיצט און לערענט, ווארום דאס איז דער תכלית פון דער גאנצער שטוב אז מען האט חתונה געמאכט א טאכטער פאר א יונגער מאן וואס זיצט און לערענט תורה לשמה אן קיינע תכליתים.

עד כאן דברי הרב.

יעדער זאך ווערט ניט לפתע פתאום, ובכדי אז עס זאל זיין דער

דער

דער אפלייג, דארף מען איינוואָרצלען בא זיך מדת הבטחון.

פראן אזוינע וואס [illegible] דאגה'נען פן יחסר לחמם, – עס שטייט אין מדרש אז דער נחש איז אומענדיק, שטייט אויף דעם אין ספרי מוסר, אז מען האט געפערט אמאל בא אים פארוואס ביסט דו אומעדיק, ס'איז דאך עפר תאכל כל ימי חייך וועסטו דאך שטענדיק האבן מזונותיך ?האט דער נחש געענטפערט, וואס וועט זיין בשעת איך וועל אויפעסן דעם כדור הארץ, און פון דעם בין איך אומעדיק –

ומצד דעם מתבטלים מקביעות עתים לתורה' ומכמה עניני מצות, ווארום תומ"צ ברייגנען ניט (לדעתם) קיין תועלת אין עוה"ז החומרי און אפילו אין עוה"ז הגשמי.

בשעת מען גערדיינקט אבער דעם אמת אז דער אויבערשטער * איז ניט מוגבל ח"ו אין קאלעדז – בילדונג והדומה, נאר ער איז כל יכול און קען געבן פרנסה אויך צו דעם וואס ס'איז ניט מרבה בשטות ואפילו בסחורה, ואדרבה, ער איז משפיע אים מערער פרנסה ווי צו דעם המרבה בשטות ובסחורה.

איז בשעת אז דאס איז אפגעלייגט בא די עלטערן, און זיי זיינען מחנך אויך זייערע קינדער אין דער וועג, איז בשעת עס קומט לעונת השדוכין, אז מען דארף אויסקלייבן א חתן צי א כלה קוקט מען אויפן עיקר און ניט אויפן טפל, און דער טפל קומט שוין במילא כמ"ש אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד.

און בשעת ס'איז דא דער הרגש, איז ווי דער רבי בעל ההילולא האט געזאגט, אז אפילו די גוי' האט מורה צושטערן א אידן פון זיין לערנען, כמ"ש וראו כל עמי הארץ כי שם הוי' נקרא עליך ויראו ממך.

וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א: התורה היא נצחית, און אלץ וואס מען האט גערעדט איז בתקפו אויך בשנת תשי"ח און אויך אין אמריקע.

משיחת ש"פ שלח מבה"ח תמוז תשי"ג. <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

מ'האט גערעדט (בהמאמר) אז דער קו פון גמ"ח דארף זיין למע' ממדידה והגבלה, הגם אז עפ"י שו"ע איז דאך פראן א הגבלה אז שלך קודם. זעהן מיר אז די ערשטע מצוה אין דער תורה, ווי א איד דארף זיך באגעגענען מיט א צווייטן, איז פרו ורבו, וואס דאס איז געווען דער ערשטער שדוך, און דער שדכן פון דעם שדוך איז געווען דער אויבערשטער, וואס ער האט געטאן אלע ענינים כדי דער שדוך זל זייך אויספירן, ויביאיה כו', היינט דעם אויבערשטן איז אנגעשטאנען צו טאן דאס, הגם עס איז א השפלה פאר אים, איז דאס א לימוד אין דעם

* איז זן את העולם כולו בטובו בחן בחסד וברחמים און דער אויבערשטער

דעם קו פון גמ"ח, ווי מען דארף האבן צוטאן מיט א צווייטן אידן, אז מען דארף זיך ניט רעכענען מיט קיינע זאכן, און די גמ"ח דארף זיין למעלה ממדידה והגבלה פון טו"ד.

אזוי איז אויך אין סדר הנישואין, אז פאר די קדושין דארף זיין חופה, וואס חופה איז מקיף, א זאך וואס איז העכער פון טעם ודעת און בשעת דער התן כלה שטעלן זיך ~~אבער~~ אונטער דער חופה, א זאך וואס איז מקיף אויף זייער קאפ, ד.ה. אז בשעת בידע אנערקאנען אז עס איז פראן א זאך וואס עס איז העכער פון בײדענס פארשטאנד, זיי קאנען דאס ניט באגרייפן און דוקא דורך דעם זאך קאן זיין זייער פארבונד, דאן איז נאך די חופה קאן זיין קדושין, און מען קאן זאגן כדת משה וישראל, ווארום דאס איז דת משה וישראל אז דער יסוד פון אלע ענינים איז א ענין שלמעלה מטו"ד.

אזוי געפינען מיר אויך אין פ' ציצית אז דער יסוד איז למע' מטו"ד, עס שטייט אז משה רבינו האט געזאגט צום אויבערשטן, וואס איז די פעולה פון דעם וואס דו האסט געגעבן די אידן תורה ומצות, וויבאלד אז זיי געפינען זיך אין עוה"ז הגשמי והחומרי, קאנען זיי דאך פארגעסן אויף די גאנצע זאך ? האט אים דער אויבערשטער געענטפערט: איך וועל זיי געבן די מצוה פון ציצית וואס דורך דעם וועלן זיי געדיינקען אלע מצוות, ווארום ציצית באטרעפט זעקס הונדערט, מיט די אכט פאדים מיט די פינף קשרים, איז דאס תרי"ג, במילא דערמאנט דאס אויף אלע מצות, ווי עס שטייט וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות הוי'.

אינפלוג איז אבער ניט פארשטאנדיג, וויבאלד אז די זאך פון ציצית איז אויף דערמאנען די מצות, איז נאך וואס דארף מען א טלית ? דער עיקר איז דאך די ציצית וואס זיי דערמאנען אויף די תרי"ג מצות כנ"ל, האט מען דאך געקאנט נעמען די ציצית אליין און נאך וואס דארף מען א טלית ? נאר דער פשט אין דעם איז, אז טלית איז מקיף, ווארום עס איז דאך ניט קיין מזון וואס ער נעמט דאס אריין אין זיך נאר עס איז א לבוש וואס עס רינגעלט אים ארום, ד.ה. עס איז א זאך וואס עס רינגעלט אים ארום אויסוויניק און ער' קאן דאס ניט באגרייפן, איז דארף מען אנהייבן מיטן טלית שלמעלה מן השכל, און מען דארף וויסן אז די תרי"ג מצות וואס זיינען מרומז אין ציצית, קומען זיי ארויס פון טלית, ד.ה. אז זיי קומען פון א זאך וואס איז העכער פון שכל, וואס דאך איז דאס א מצוה.

בשעת ער וועט נעמען די ציצית אליין, אן א טלית איז דאס קיין שום מצוה ניט און עס דערמאנט אים אויף גאר נישט, נאר בשעת ער נעמט אן די ציצית ווי זיי הייגען אראפ פון טלית ד.ה. אז ער ווייס און אנערקאנט אז די גאנצע זאך פון תומ"צ קומט פון א זאך וואס ער קאן דאס אינגאנצן ניט באגרייפן, דאן איז דאס א מצוה.

צום סוף

צום סוף פ' ציצית שטייט אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, מען קאן דאך מאכן א חשבון אז דער דרך התורה איז א היפך פון דעם דרך העולם, ־מען מאנט בא אים ער זאל היטן שבת און יו"ט און מוסיף זיין נאך דער צו מחול על הקודש בשעת ער האט קאנק-ורענטין און קאמפאטישן און גוים און להבדיל אידן ניט קיין שומר שבת, מען מאנט בא אים אז אופשטייענדיק אינדערפריא זאל ער די ערשטע זאך דאווענען און דער נאך לערנען א שיעור, און ערשט נאכעהר קאן ער גיין אין די ביזנעס, און זייענדיק שוין אין די ביזנעס מאנט מען בא אים אז אין מיטן טאג, בשעת די רעכטע ביזנעס זאל ער אלץ אפלאזן און גיין דאווענען מנחה - וואס דאס איז דאך דער גודל החביבות פון מנחה - און נאכעהר באיינאכט מאנט מען בא אים ער זאל דאווענען מעריב וקשעה"מ, אויך מאנט מען בא אים ער זאל אפגעהיט פון גניבה גזילה אונאה והשגת גבול וואס דאס איז א היפך פון דרכי המסחר, ווערט דאך בא אים א שאלה, ווי קען ער זיך פירן עפ"י תורה, בשעת דאס וואס האט קיין שום ארט ניט אין וועלט?

אויף דעם זאגט ער אין סוף פ' ציצית, וואס דער ענין פון ציצית איז למעלה מטו"ד כנ"ל, אז בשעת מען רעכענט זיך ניט מיט קיין מדידות והגבלות פון טו"ד און מען איז מקיים מצות למעלה מטו"ד, דאן פירט דער אויבערשטער מיט אים אויך למעלה מהגבלות הטבע, וואס דאס איז אני ה' אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים, וואס ארויסגיין פון מצרים איין עבד איז אויך ניט עפ"י טבע, און דא זיינען ארויס שש מאות אלף רגלי העם לבד נשים וטף, און מען איז ארויס אויך מיטן רכוש גדול וואס יעדער איד האט געהאט ניט ווייניקער פון תשעים חמורים וואס האבן געטראגן זיין רכוש, וגם ערב רב עלה אתם אז אפילו גוים האבן דאס אנערקאנט, וואס דאס אלץ איז דאך למעלה מהטבע לגמרי, איז בשעת א איד פירט זיך ניט עפ"י הגבלת הטבע, דאן איז אני ה"א אשר הוצאתי אתכם מאמ"צ, אז מען איז אים משפיע מלמעלה למעלה מדרך הטבע בבני חיי ומזוני רויחי.

און דאס איז מתאים מיט דעם וואס מען האט גערעדט פריער אז דער סדר הנשואין איז פריער חופה און דער נאך קדושין, וואס דער זעלבער סדר איז אין עבודת ה'.

בשעת עס איז פראן דער ענין החופה, ד.ה. אז ער גיט זיך אוועק למעלה מטו"ד, דאן איז דא די קדושין, דאסר לה אכולי עלמא כהקדש, אז ער שייד זיך אפ פון אלע עניני עולם, ווארום אלע ענינים איז בא אים א ענין פון הקדש, דערפאר איז ער ניט נהנה פון קיין זאך אן א ברכה, און אלע ענינים גשמיים וואס ער איז זיך מיט זיי משתמש איז דאס בא אים א ענין פון עבודת המקדש, צי כהנים מתכפרים צי בעלים מתכפרים אבער עס איז א ענין פון עבודה, וואס

דאס איז

דאס איז דער דאסר לה אכולי עלמא כהקדש, און דורך דעם איז דא דער צווייטער ענין אין קדושין וואס דאס איז דער יחוד מיטן בעל, אז דורך תומ"צ ווערט ער מיוחד מיטן אויבערשטן ווי עס שטייט אין תניא (פמ"ו) דער פי' פון אשר קדשנו במצותיו אז קדשנו איז מלשון קדושין איז דאך בשעת עס ווערט דער יחוד מיטן בעל, איז דאך דער דין אז בעלה חייב במזונותי', איז מען אים משפיע מלמעלה בכל המצטרך לו.

משיחת כ' מנ"א תשי"ב.

דער סדר העבודה אין קדושין קען זיין אויף צוויי אופנים: א) בדרך דלוג, ב) לאט לאט, דער אופן פון דלוג איז אויסער דעם וואס איז ניט בכח איז דאס אויך ניט געזונט, ווארום אז ער ווערט עולה זיין בדרך דלוג וועט ער זיך דארטן ניט האלטן ווארום ער האט ניט דערביי דערפאר איז בעסער דער צווייטער אופן עס זאל זיין לאט לאט ביסלאך ווייס וואס דאס איז לפי כח און אין דער מדרי' וואו ער וועט עולה זיין וועט ער שטיין שטארק. אין דעם ענין הירידה מלמעלה למטה ד.ה. די התעסקות אין די ענינים גשמיים המוכרחים סיי ביי בעלי עסק און סיי ביי יושבי אוהל וואס דאס איז א ירידה קאן אויך זיין אויף צוויי אופנים בדרך דלוג און לאט לאט.

בדרך דלוג הייסט אז גלייך נאכן דאווענען ווען ער שטייט נאך אין דעם הרגש פון... זאל ער זיך עוסק זיין אין די ענינים הגשמיים וואס ער איז מוכרח אין זיי עפ"י תורה.

לאט לאט הייסט אז באלד נאכן דאווענען טוהט ער ניט ענינים גשמיים נאר ער ווארט צו ער זאל זיך אביסל אפקילן נאכעהר אפקילן זיך מער ביז ער זאל זיך אביסל אפקילן ביז ער וועט פארפארן ווערן אינגאנצן און יעמאלט וועט ער זיך עוסק זיין אין ענינים גשמיים.

אין דעם סדר העלי' דארף זיין דער אופן פון לאט לאט כנ"ל, אבער אין דעם סדר הירידה דארף ניט זיין דער סדר פון לאט לאט ווארום אז ער וועט ווארטן אויף די התעסקות אין די ענינים גשמיים ביז ער וועט זיך אפקילן און האבן א שייכות צו דעם בפשיטות יעמאלט קען זיין א יניקה גדולה ביותר. דאגעגן אז עס וועט זיין בדרך דלוג יעמאלט איז דער חיות וואס ער האט פון דאווענען וועט אראפנעמען אדער מחליש זיין עכ"פ די תאוה פון די דברים גשמיים.

די זעלבע זאך איז בנוגע ישיבה-בחורים וואס גייען ארויס אין וועלט פארדינען וואס ס'איז פאראן אין דעם די אויבען-דערמאנטע צוויי אופנים, איין אויפן איז לאט לאט ד.ה. אז פריער ווערט ער אויס בטלן ד.ה. ער גוטט נאטוראל, דערנאך ווערט ער

פאחאזשע

פאהאזשע אויף א מענטשן און דערנאך ווערט ער א מענטש ווי אלע מענטשן וואס קען פארדינען, א צווייטער אויפן איז בדרך דלוג ד.ה. אז ביז דער לעצטער מינוט זיצט ער אין ישיבה און לערנט און מיט אמאל גיט ער א שפרונג און נעמט זיך צו עסק.

איז אין דעם אופן פון לאט לאט קאן זיין א יניקת החיצוניים ד.ה. אז ער וועט זיך אינגאנצן אפרייסן פון... דאגעגן אין דעם אופן פון דלוג יעמאלט איז די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אין ישיבה וועט אים געבן כוח אויך אויף שפעטער אז אויך זייענדיג אין עסק וועט ער ניט זיין אזוי איבערגעגעבן אין דעם און וויבאלד עס איז בדרך דלוג וועט ער אלע מאל קאנען געבן א שפרונג צוריק און זעצן זיך לערנען.

א אויב ער וועט זיצן אין ישיבה ביז די לעצטע מינוט ווי וועט ער זיך מיט אמאל קאנען נעמען צו עסק איז השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך אז עס וועט זיין ירתי חרתי ער וועט מצליח זיין אין עסק און ער וועט ניט זיין אפגעריסן פון לערנען און וויבאלד אז ביי אים וועט פארבלייבן... וואס ער איז געווען אין ישיבה וועט ער שטיין העכער פון הגבלות העולם און ער וועט מצליח זיין למעלה מדרך הטבע און די וועלט וואס ער וועט פארדינען וועט ניט אוועקגיין אויף ענינים פון עגמת נפש נאר עס וועט זיין למקום הראוי.

און דאס איז זכו אחישנה לא זכו בעתה וואס כ"ק אדמו"ר הצ"צ איז מבאר אין דעם ענין ההסתלקות – אין עבודה אז אין דעם ענין הירידה מלמעלה למטה ד.ה. די התעסקות אין דברים גשמיים אויף וויפל עס איז מוכרח וואס דאס איז א ענין פון הסתלקות ווארום מאן דנפיל מדרגי' איקרי מית איז פאראן א מעלה אין אחישנה – בדרך דלוג – אויף בעתה – לאט לאט – ווארום אין דעם סדר פון לאט לאט איז אזוי ווי דאס איז א מעלה אין דעם סדר העלי' למעלה ווארום אין דעם אופן האלט ער אין א פנימיות ביי דער מדרי' וואו ער האט עולה געווען אזוי איז אין דעם מדרי' וואו ער איז ער טאקע... דאגעגן בשעת ס'איז בדרך דלוג קען ער זיך אלע מאל ארופכאפן צוריק.

ר"ד מה שדיבר כ"ק אדמו"ר שליט"א בעת הקבלת פנים של החתן דר. ר' אברהם אבא שי' זעליגסאהן, נר ה' דחנוכה תשי"ב. <u>הנחה בלתי מוגה.</u>

בכלל איז דאך אלץ בהשגח"פ ובפרט בא א אידן ובפרטי פרטיות אן ענין פון בנין עדי עד וואס עס איז נוגע לדורות, איז געווים בהשגח"פ, במילא וויבאלד אז די חתונה איז אויסגעפאלן חנוכה איז דאס געווים בהשגח"פ און עס האט געווים א שייכות צו חנוכה.

אין מצות נר חנוכה זיינען מחוייב אויך נשים, הגם עס איז

איז א מצות עשה שהזמן גרמא פונדעסטוועגען זיינען מחוייב אין דעם אויך נשים. און דער טעם אויף דעם איז ווייל אויך מיט זיי איז געווען דער נס.

אין דעם וואס אויך מיט נשים איז געווען דער נס איז אין דעם פראן צוויי פרטים, א) די גזירה איז געווען אויך אויף זיי, וואס עס איז געווען די גזירה אז חבעל לשפסר תחלה ווי עס איז מבואר אין רמב"ם. ב) די הצלה איז געווען דורך א אשה.

און איבער דעם איז הגם מצות נר חנוכה איז א מצות עשה שהזמן גרמא, פונדעסטוועגען זיינען מחוייב אין דעם אויך נשים - אזוי האב איך אפילו ניט געזען אז נשים זאלן אליין צינדן חנוכה ליכט, נאר דער רבי האט דערציילט (היכל חמישי שער ארבעה עשר ע׳ 20) אז ווען דער רבי (מהורש"ב) נ"ע פלעגט דארפן אוועקפארן חנוכה פון דעם היים, פלעגט ער אנזאגן לזוגתו הרבנית שטערנא שרה נ"ע, אז הגם זי וועט הערן חנוכה ליכט בענטשען פון אן אנדערן (מהגברים). פונדעסטוועגען זאל זי אליין באזונדער אנצינדן חנוכה ליכט, אבער אזוי, האב איך ניט געזען אז נשים זאלן צינדן חנוכה ליכט, און דער טעם אויף דעם איז ווײלע עס איז דאך פראן א סאך פרטים אין חנוכה, מימין לשמאל ומשמאל לימין וואס עס איז פראן אין דעם כמה שיטות, במילא האט מען געמאכט אז זיי זאלן יוצא זיין -

בכלל די מס"נ פון חנוכה איז געווען א מס"נ שלמעלה מטעם ודעת, ווארום עפ"י דין זיינען זיי ניט געווען מחוייב מוסר נפש זיין זיך אויף דעם, ווארום עס איז דאך פראן די סברא פון אסתר קרקע עולם היתה, און הגם אז בשעת גזירת השמד איז מען מחוייב זיך מוסר נפש זיין אויף יעדער זאך, אבער דאס איז דוקא אויב מען נייט זיי עובר זיין אויף איינע פון די מצות, דאן זיינען זיי זיך מחוייב מוסר נפש זיין, אבער גיין לוחם זיין מבטל די גזירה איז מען ניט מחוייב.

פונדעסטוועגען, הגם עפ"י דין איז מען ניט מחוייב זיך מוסר נפש זיין אבער ווילבאלד עס האט זיך געהאנדעלט וועגען אן ענין פון טהרת המשפחה, אן ענין וואס עס איז נוגע צו קדושת האומה און וואס עס איז נוגע לדורות, איז אויך נשים האבן ניט געקוקט צי מען דארף זיך מוסר נפש זיין צי ניט, און זיי זיינען געגאנגען אויף מסירת נפש, ווײלע עס איז אן ענין וואס עס רירט אן אין קדושת האומה.

דערפאר וואס זיי זיינען געגאנגען אויף מס"נ למעלה מטו"ד ניט טראכטענדיק צי זיי זיינען מחוייב, האבן זיי זוכה געווען אז אויך דער נס איז געווען דורך זיי, וואס די הצלה איז געווען דורך א אשה, און דערפאר זיינען אויך נשים מחוייב במצות נר חנוכה.

דער אויבערשטער צאלט דאך יעדער זאך מדה כנגד מדה, דערפאר האט ער אויך אפגעצאלט אידן מיט אן ענין פון למעלה מטו"ד,

אז

אז אויסער דעם עצם נצחון המלחמה וואס עס איז געווען למעלה מן הטבע, האט ער אויך באוויזן דעם נס אז מען האט געפונען שמן טהור, און הגם דארטן איז געווען שמן נאר אויף איין טאג, האט עס געקלעקט אויף אכט טעג.

לכאורה נאך וואס האט געדארפט זיין דער נס מען זאל געפינען שמן טהור, דער דין איז דאך אז טומאה הותרה בצבור האט מען געקענט צינדן אויך מיט שמן טמא, און וויבאלד זיי האבן זיך מוסר נפש געווען הגם עפ"י דין זיינען זיי ניט געווען מחוייב, ווייל זיי האבן ניט געוואלט אנרירן אין קדושת האומה, האט זיי דער אויבערשטער אפגעצאלט אז ער האט זיי געמאכט א נס אז זיי האבן געפונען שמן טהור. הגם מען האט געקענט עפ"י דין צינדן אויך מיט שמן טמא.

און דאס איז דער לימוד פון חנוכה, אז צו אן עניין וואס עס רירט אן אין קדושת האומה, דארף מען ניט קוקן אין דין... נאר מען דארף גיין מיט מס"נ למעלה מטו"ד, און דאן צאלט אפ אויך דער אויבערשטער מדה כנגד מדה אז אויך אין ענינים וואס מען קען אויסקומען... פונדעסטוועגן גיט דער אויבערשטער... בגשמיות וברוחניות.

משיחת ש"פ וישלח, תשכ"ז. <u>הנחה הת' בלתי מוגה.</u>

כנהוג לאחרונה, לערנט מען א פסוק חומש מיט רש"י, וכידוע התקנה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר אז מען זאל לערנען יעדן טאג די פרשה השייכת לאותו היום מיט פירש"י, ווי עס איז אויך דער דין וואס ברענגט זיך אין שו"ע אז מען דארף מעביר זיין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום, און עס ווערט דערמאנט אויך וועגן פירש"י (ראה שו"ע אדמוה"ז סי' רפ"ה סעי' ב ).

די רש"י וואס מ'וועט לערנען איז אויך פארבונדן מיט עניין חתן וכלה, אויף וועלכע מ'זאגט "כשמחך יצירך בגן עדן מקדם",

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק וואס ער זאגט "בגן עדן <u>מקדם</u>" עס איז דאך זעלבספארשטענדליך אויב מ'זאגט "גן עדן" אז דאס איז "מקדם" ?

שטייט דער ביאור אויף דעם: אז אין ג"ע גופא זייבען דאך געווען צוויי זמנים, א) קודם החטא ב) לאחר החטא, אויף דעם זאגט מען "גן עדן מקדם", ווי עס איז געווען אין ג"ע קודם החטא.

ווי קען מען טאקע זאגען "כשמחך יצירך בגן עדן מקדם", וכנ"ל אז דאס מיינט בבחי' חו של ג"ע ווי קודם החטא, בשעת אז ידע אינט בנפשי' אז ער האט ענינים של חטא וכו',

נאר וויבאלד אז "חתן מוחלין לו על עונותיו", איז ער בדוגמת ווי איך ג"ע קודם החטא,

און דער ענין - פון "חתן מוחלין לו על עונותיו איז פאראן אין רש"י פון הייגטיגער סדרא, און דאס וועט מען איצטער מבאר זיין,

און ווי גערעדט שוין כמה פעמים, איז ענינו של רש"י אפטייטשן פשוטו של מקרא - (ווי רש"י אליין גיט ארויס דעם כלל " לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא") - אע"פ אז בפנימיות איז פאראן אין רש"י אויך רמז דרוש וסוד והלכה ביז מנהגי ישראל -

און אין אזא אופן אז א קינד וואס האלט ערשט בא בן חמש למקרא, אז גלייך נאכדעם ווי ער האט אנגעהויבן לערנען חומש זאל ער קענען לערנען רש"י אויך, און ווי מ'דעט בפועל, אז ווי עס גייט פארביי א קורצער זמן לאחרי התחלת לימוד חומש, הייבט מען אן לערנען חומש מיט רש"י,

ד.ה. אז ענינו של רש"י איז לערנען פשוטו של מקרא, אין א אופן אז א קינד אין חדר זאל דאס פארשטיין,

אויף "בשמת בת ישמעאל" (בראשית לו,ג) איז רש"י מפרש - "ולהלן קורא לו מחלת מצינו באגדת מדרש ספר שמואל ג' מוחלין להן עונותיהן גר שנתגייר והעולה לגדולה והנושא אשה ולמד הטעם מכאן לכך נקראת מחלת שנמחלו עונותי'"

אין פשטות קומט דא רש"י באווארענען, דאס וואס א קינד קאן פרעגן, אז ער געדענקט אז אין דער פריערדיקער סדרא, פ' תולדות, שטייט "מחלת בת ישמעאל" איז פארוואס רופט איהר דא דער פסוק "בשמת בת ישמעאל", אויף דעם פארענטפערט רש"י "ג' מוחלין להן כו' לכך נקראת מחלת כו'",

לכאורה איז די רש"י א גלאטיקע, איז אבער פאראן כמה ענינים אי-מובנים אין איהר;

א) אויב רש"י וויל פארענטפערן און זאגן א טעם פארוואס דער פסוק רופט איהר דא "מחלת" ווייל הנושא אשה מוחלין לו (ומחלת מל' מחילה) איז דאך דא נוגע אראפברייננגען נאר <u>דעם</u> פרט פון אגדת מדרש ספר שמואל, וואס איז נוגע אין פשוטו של מקרא, אז רש"י זאל אויך אראפברייגגען אז "גר שנתגייר והעולה לגדולה מוחלין להן עונותיהן" ?

ב) דרכו של רש"י איז אז בשעת ער ברענגט אראפ א מדרש אדער דרש חכמים וכו' ווייזט ער ניט אהן וואו עס שטייט, נאר ער זאגט "ורבותינו דרשו", איתא בגמ', איתא בש"ס אדער א ענליכן לשון, פארוואס ברענגט דא רש"י יא דעם מקור אויף דעם דרש אז דאס איז אין "אגדת מדרש ספר שמואל" ?

ג) רש"י הייבט אן "ולהלן קורא לה מחלת", איז דערפון פארשטאנדיק, אז רש"י נעמט אן, אז בשעת דער קינד וועט לערנען דעם

פסוק

פסוק וועט ער גלייך אננעמען בפשטות אז דאס איז די זעלבע וועלכע מ'האט פריער אנגערופן "מחלת", עס וועט איהם נאר זיין שווער פאר-וואס רופט מען איהר דא בשמת, "ולהלן קורא לה מחלת" אבער אז עס איז די זעלבע פרוי פארשטייט ער בפשטות (ווארום רש"י באווארנט דאך דאס ניט),

אויף "עדה בת אלון" זאגט רש"י "היא בשמת בת אלון ונקראת בשמת ע"ש שהיתה מקטרת בשמים לע"א", אזוי אויך בנוגע אהליבמה זאגט רש"י "היא יהודית והוא כינה כו'",

איז ניט פארשטאנדיק פארוואס בא די ערשטע צוויי פרויען מוז פריער רש"י באווארענען אז דאס זיינען די זעלבע וואס שטייט פריער און דערנאך זאגט ער א טעם על שינוי השם, דאס הייסט אז דער קינד וואלט דא געהאט א ה"א זאגען אז עס איז א אנדערע, און אויף דעם זאגט רש"י ניין "היא" דאס איז די זעלבע וועלכע שטייט פריער, משא"כ בנוגע צו "בשמת" ווייס דער קינד זיכער אז דאס איז די זעלבע, ער פרעגט נאך פארוואס "ולהלן קורא לה מחלת"?

מען קען ניט זאגען אז עס איז ווייל בא בשמת שטייט סיי דא און סיי אין פ' תולדות "בת ישמעאל" במילא ווייס דער קינד אז דאס איז די זעלבע, ווייל אויף עדה שטייט אויך "בת אילון" סיי דא און סיי אין פ' תולדות, און אעפ"כ וואלט דער קינד געהאט א ה"א זאגען אז עס איז א אנדערע, קען מען דאך אויך אזוי זאגען בנוגע צו בשמת, און פונדעסטוועגן איז ביים קינד פשוט אז בשמת איז די זעלבע, משא"כ די אנדערע,

און מען מוז זאגען אז דער ענין איז אזוי פשוט, אז רש"י דארף דאס אפילו ניט אויסטייטשן, ווארום אויב דאס וואלט ניט געווען אזוי פשוט, איז דאך דרכו של רש"י אז יעמולט טייטשט ער דאס אויס,

די קושיות הנ"ל איז דאס אלץ געווען דיוקים, איצטער קומט די שטארקסטע קשיא - וכל' העולם די קלאץ קשיא - אין רש"י גופא:

ד) וואס איז די קשיא "ולהלן קורא לה מחלת", רש"י אליין טייטשט אפ "עדה בת אלון" - "היא בשמת בת אילון ונקראת בשמת על שם שהיתה מקטרת בשמים לע"א", אז נשי עשו האבען געהאט א חוץ שמם העצמי אויך א שם וואס איז מתאר זייערע פעולות, ע"ד ווי בשמת איז מתאר אז "היו מקטרות בשמים לע"א",

פארשטייט דאך דער קינד, אז אויך בנוגע צו "מחלת" איז אזוי אז דאס וואס די ווערט אנגערופן "בשמת" איז דאס ווייל "היתה מקטרת בשמים לע"א", און פארוואס דארף רש"י אנקומען צו דעם גאנצן ביאור אז "מצינו באגדת מדרש ספר שמואל כו'",

די אלע

די אלע קושיות הנ"ל וועלן פארענטפערט ווערן בהקדם דעם חילוק בללי צווישן פרשה זו און פרשת תולדות וואו עס דערציילט זיך וועגן נשי עשו,

אין פ' תולדות וויל די תורה דערציילן די מאורעות פון עשו, ווי דער פסוק זאגט דארט "ויהי עשו בן ארבעים שנה ויקח אשה גו'" און רש"י טייטשט "עשו הי' כו' פושט טלפיו כו' כך עשו הי' צד נשים כו' וכשהי' מ' שנים אמר אבא נשא אשה כשהי' בן מ' אף אני כך", אז עשו איז געווען א צבוע, ער האט געוואלט ווייזן אז ער טוט אלץ ווי יצחק האט געטאהן, און דעריבער האט ער חתונה געהאט לארבעים שנה, ולפועל הי' צד נשים לפני זה, און אויך בשעת ער האט חתונה געהאט, איז דאס געווען צו מרשעיות,

זעט מען אז כוונת פרשה זו איז צו דערציילן הנהגת עשו, במילא דאס וואס די תורה רעכנט דארט אויס די נשי עשו, איז עס בכדי צו דערציילן וועגן מאורעות והנהגת עשו,

אין אונזער סדרא אבער וויל די תורה דערציילן וועגן "ואלה תולדות עשו", און ווי שוין גערעדט כמה פעמים אז אין פשוטו של מקרא איז דער פי' פון "תולדות" כפשוטו, און ניט "מאורעות", ביז אז ואלה תולדות יעקב יוסף טייטשט אויך רש"י אלה של תולדות וכו' (ראה שיחת ש"פ תולדות, שנה זו),

במילא איז דאך כוונת פרשה זו דערציילן וועגן בני עשו, און די פרטים וואס ווערן דערמאנט וועלכע זיינען ניט וועגן בני עשו, איז דאס בדרך טפל, איז דערפון פארשטאנדיק אז דאס וואס דא דערציילט זיך וועגן נשי עשו, איז דאס בדרך טפל, ווייל ער זאגט ווער עס זיינען געווען בני עשו, מוז דער פסוק דערמאנען זייערע מוטערס, נשי עשו, דאס איז אבער נאר בדרך טפל.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויב די תורה וויל זאגען א נאמען פאר נשי עשו וועלכער איז מצד זייערע מעשים, האט דאס א ארט אין פ' תולדות, ווייל די תורה וויל דארט דערציילן וועגן די מעשים פון עשו, דערציילט די תורה אויך מיט וועלכע פרויען ער האט חתונה געהאט אז זיי זיינען געווען אזוינע וואס "היו מקטרות לע"א" וכו', בדוגמת "החזיר שפושט טלפיו כו'",

משא"כ אין אונזער סדרה האט ניט קיין ארט מ'זאל אנרופען נשי עשו ע"ש מעשיהם, ווייל דער פסוק קומט דא ניט דערצ-יילן וועגן זיי, נאר דערמאנט זיי בדרך טפל, איז פארשטאנדיק אז די נעמען מיט וועלכע מ'רופט אן נשי עשו אין אונזער פרשה איז דאס שמם העצמי,

דעריבער בשעת דער קינד לערנט אונזער פרשה אז עס שטייט "עשו לקח את נשיו גו' עדה בת אילון גו' ואת אהליבמה בת

ענה

ענה גו׳", לייגט זיך ביי איהם אפ אז דאס איז ניט די זעלבע וועלכע ווערן דערמאנט אין פ׳ תולדות, וויבאלד עס איז אנדערע נעמען,

איי דאס וואס עס שטייט ניט אין פ׳ תולדות אז ער האט חתונה געהאט אויך מיט די פרויען, ווייס דער קינד, אז פריער דערציילט נאר די תורה וועגן די נשים וואס ער האט גענומען בשעת ער איז געווען "ארבעים שנה", קען זיין אז יעמולס האט ער נאר חתונה געהאט מיט "בשמת" און "יהודית",

דא דערציילט אבער דער פסוק וועגן בני עשו, קינדער האט ער געהאט פון די וואס ווערן דא דערמאנט,

בכדי מען זאל ניט מאכן דעם טעות, באווארנט רש"י און זאגט "היא" דאס איז די זעלבע וואס שטייט פריער, נאר אין פ׳ תולדות רופט מען זיי ניט אן בשמם העצמי, ווייל דארט וויל די תורה דערציילן הנהגתו של עשו, דערציילט אויך דער פסוק אז די פרויען וואס ער האט גענומען זיינען געווען מרשעיות, און רופט זיי אן מיט אזוינע נעמען וואס זיינען מתאר זייערע מעשים,

אבער אין אונזער פרשה, דערמאנט מען דאך זיי נאר בדרך טפל, רופט מען זיי אן בשמם העצמי, (ווייל עס האט ניט קיין ארט, אז מ׳זאל זיי אנרופן מיט אזא נאמען וואס איז ע"ש מעשיהן בשעת מ׳דער-מאנט זיי נאר דרך טפל).

בשעת אבער דער קינד לערנט אז דא שטייט "בשמת", ווערט ער ניט לערנען אז דאס איז א אנדערע און ניט די וואס מ׳רופט איהר פריער אן "מחלת",

א) ווייל די תורה זאגט דא אויף איהר צוויי סימנים, די זעלבע וועלכע עס שטייען פריער אויף "מחלת" - "בת ישמעאל (און) אחות נביות", לייגט זיך אין שכל זאגען אז דאס איז די זעלבע,

ב) (והוא העיקר) וועגן "עדה" און "אהליבמה" קען מען ענטפערן, כנ"ל, וויבאלד זיי זיינען ניט געווען יענעם טאג וואס עשו איז געווארן א בן "ארבעים שנה", דערציילט ניט פריער דער פסוק אז ער האט מיט זיי חתונה געהאט, ווייל דארט דערציילט די תורה מיט וועמען עשו האט חתונה געהאט ווען ער איז געווען בן ארבעים שנה.

וועגן מחלת דערציילט אבער די תורה אין א אנדער פרשה, וואו עס שטייט "וילך עשו אל ישמעאל", דערציילט דאך דארט די תורה סתם מיט וועמען עשו האט חתונה געהאט, און ניט וואס ער האט געטאהן אין א ספעציעלן זמן - אע"פ אז רש"י מאכט א חשבון ווען עס איז געווען, בפירוש שטייט עס אבער ניט אין פסוק מערניט וואס מ׳מאכט אליין א חשבון ווען עס איז געווען - במילא אויב ער האט אויך חתונה געהאט מיט בשמת א חוץ מחלת וואלט עס דארט געדארפט שטיין, און וויבאלד עס שטייט ניט איז א ראי׳ אז מחלת און בשמת זיינען דאס די זעלבע, ובמילא דארף רש"י ניט זאגען "היא" - אונז לאזען הערען אז דאס איז די זעלבע,

דאס

דאס פארשטייט דער קינד לולא פירש"י,

רש"י דארף נאר פארענטפערן פארוואס "להלן קורא לה מחלת", ד.ה. א טעם אויף דעם שינוי השם, און דאס פארענטפערט רש"י מיט דעם וואס "מצינו באגדת מדרש ספר שמואל",

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק פארוואס מ'קאן ניט פארענטפערן פארוואס מ'רופט איהר דא אן "בשמת" ווייל "היתה מקטרת לע"א", (ווי רש"י זאגט דעם טעם פארוואס מ'רופט אן "עדה אין פ' תולדות בשם "בשמת")

ווייל, כנ"ל, דא ווערן דאך נשי עשו דערמאנט נאר בדרך טפל, איז אויב זי הייסט "בשמת" "ע"ש מעשי'" וואלט מען איהר אזוי געדארפט אנרופן אין פ' תולדות, וואו די תורה דערציילט וועגן מעשי עשו ומעשי נשיותיו,

וויבאלד אבער מ'רופט איהר אן בשם "בשמת" אין אונזער סדרה, וואו זי ווערט דערמאנט נאר בדרך טפל, איז א הוכחה אז דאס איז שמה העצמי.

ועפי"ז יומתק לשון רש"י וואס ער זאגט "ולהלן קורא לה מחלת", אז ער וויל דערמיט זאגען אז דער גאנצער טעם פארוואס מ'קאן ניט זאגען אז "בשמת" איז א שם התואר, ווייל<u>ע להלן</u> קורא לה מחלת, אויב "בשמת וואלט געווען א שם המתאר מעשי' וואלט מען געדארפט זאגען "בשמת" - "להלן" וואו מ'רעכנט די נעמען וואס מתארים פעולו-תיהם של נשי עשו, (אין פ' תולדות),

וויבאלד אבער אז "להלן" - אין פ' תולדות - קורא לה מחלת", איז דאס א הוכחה אז דער נאמען וואס שטייט אין פ' תולדות איז ע"ש מעשי', משא"כ דער נאמען וואס שטייט דא איז שמה העצמי, און רש"י זאגט דעם טעם, מיט וואס "מחלת" איז מתאר מעשי', דעם מעמד ומצב אין וועלכן זי איז יעמולט געשטאנען, כדאיתא בפירש"י.

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק, דאס וואס בנוגע צו "עדה" זאגט רש"י אז שמה העצמי איז געווען "עדה", און דאס וואס מרופט איהר פריער אן בשם "בשמת" איז דאס ווייל<u>ע</u> "היתה מקטרת לע"א,

לכאורה געפינט מען דאך אין רש"י גופא אז רש"י טייטשט "עדה" - בא נשי למך שם האחת עדה גו' - "על שם שמגונה עליו ומסורת מאצלו עדה תרגום של סורה",

וואלט דאך רש"י געקאנט אזוי אויך טייטשן אויף "עדה" בא אונז, אז דאס איז מלשון אפקערן פון אויבערשטן, און איהר שם העצם איז געווען "בשמת"?

נאר ע"פ הנ"ל איז פארענטפערט, ווייל די שמות וועלכע ווערן דערמאנט אין אונזער סדרה קאן מען ניט זאגען אז דאס איז ע"ש מעשיהם, במילא מוז מען זאגען אז "עדה" איז געווען איהר שם העצמי,

נאר

נאר דער שם המתאר מעשי' איז געווען "בשמת", -- וואס אזוי ווערט זי אנגערופן אין פ' תולדות -, "ע"ש שמקטרת בשמים לע"א",

דערמיט וועט אויך זיין פארשטאנדיק דער וויטערדיקער פירוש רש"י אויף די ווערטער "אחות נביות" - על שם שהוא השיא לו משמת ישמעאל נקראת על שמו",

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק נאך וואס דארף דאס רש"י איבערחזר'ן דא נאך אמאל, דער קינד געדענקט דאך דאס, רש"י האט דאך אזוי אפגעטייטשט אין פ' תולדות, בשעת עס שטייט דארטן אין פסוק אז "מחלת" איז געווען "אחות נביות",

נאך מערער איז ניט פארשטאנדיק, דער סדר אין רש"י איז דאך, אז דעם ערשטן מאל וואס ער איז מפרש א ענין, זאגט ער דארט אלע פרטים וואס זיינען נוגע, און אויב ער ברענגט דאס נאך אמאל א צווייטן מאל זאגט מען דעם ענין מערניט ווי בכללות,

דא איז אבער ניט אזוי, אין פ' תולדות, זאגט רש"י מערניט "אחות נביות - ממשמע שנאמר בת ישמעאל איני יודע שהיא אחות נביות אלא למדנו שמת ישמעאל משיעדה לעשו קודם נשואיה והשיאה נביות אחיה",

און בשעת רש"י טייטשט אפ בא אונז "אחות נביות" לייגט ער צו "ונקראת על שמו", וואס לכאורה וואלט ער דאס געדארפט גאר זאגען דעם ערשטן מאל וואס עס שטייט אז זי איז געווען אחות נביות, און בא אונז - אויב רש"י מוז דאס יא דערמאנען - זאל ער זאגען דער ענין נאר בכללות,

לפי מה שנת"ל כללות החילוק צווישן די פרשה און פרשת תולדות וואו עס דערציילט זיך וועגן נשי עשו, וועט דאס אויך זיין פארשטאנדיק,

אין פ' תולדות דערציילט די תורה אז עשו איז געגאנגען חתונה האבען מיט מחלת, און דער פסוק זאגט אז זי איז געווען "אחות נביות", זאגט רש"י אז וויבאלד אז מת ישמעאל און נביות האט דורכגעפירט די נשואין, רופט איהר אן די תורה "אחות נביות",

משא"כ אין אונזער פרשה, וואס דא רעדט זיך דאך שוין ניט וועגן די נשואין זייערע נאר וועגן די תולדות (בני) עשו, כנ"ל, אדרט רש"י פארוואס דארף מען דערמאנען אז זי איז געווען "אחות נביות", וואס פאר א שייכות האט דאס דערמאנען איצטער בשעת עס רעדט זיך גארניט וועגן זייער חתונה ?

און דאס קומט רש"י פארענטפערן, און ער פארענטפערט עס מיט די ווערטער "ונקראת על שמו", וויבאלד ער האט איהר יעמולט חתונה געמאכט, איז איהר כסדר געבליבן דער נאמען, אפילו יאהרן נאך דער חתונה איז אלץ געווען "נקראת על שמו", במילא בשעת די תורה דערציילט

דערציילט וועגן איהר זאגט די תורה איר גאנצן נאמען און איר נאמען איז געבליבן אחות נביות אויף שטענדיק,

במילא איז דאס וואס רש"י זאגט דא איז אינגאנצן אן אנדער זאך פון וואס ער זאגט אין תולדות, דארטן רעדט רש"י וועגן זמן החתונה און דא רעדט ער וועגן איהר נאמען, בכלל, דערפאר קען רש"י אין פ׳ תולדות ניט זאגען ונקראת על שמו ווייל עס איז דארט ניט נוגע, משא"כ דא מוז עס רש"י זאגען,

עס איז נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק פארוואס מוז רש"י מעתיק זיין די אלע דריי ענינים, און אויך פארוואס דארף ער זאגען וואו דאס שטייט – "מצינו באגדת מדרש ספר שמואל" ?

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם נאך א קושיא:

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, אמת טאקע אז "הנושא אשה מוחלין לו", וואלט מען דאך געדארפט עשו׳ן אנרופען בשם "מחול", און פארוואס רופט די תורה איהר אן בשם "מחלת" ?

אויך איז ניט פארשטאנדיק, דאס איז דאך ניט די ערשטע חתונה וואס ווערט ביז איצט דערציילט אין דער תורה, ער ווערט דאך שוין דערמאנט כמה וכמה חתונות, ווי אברהם און שרה נחר ומלכה ועוד, פארוואס האט מען זיי ניט אנגערופן "מחלת" און אזוי אויך בא עשו׳ן גופא, שטייט דאך שוין וועגן פריערדיקע צוויי פרויען וואס ער האט גענומען, און זיי רופט מען ניט אן "מחלת" ?

וואס צוליב די קושיות מוז רש"י אראפברייגנען דעם מקור (אגדת מדרש ספר שמואל) און אויך אויסרעכענען אלע דריי וועלכע מ׳איז מוחל, וכמשי"ת לקמן,

דאס וואס מ׳זאגט אז "חתן מוחלין לו על עונותיו" קאן מען לערנען בשני אופנים,

א) ער דארף טאהן דערצו א פעולה, תשובה טאהן, און דורך דעם איז דער מוחלין לו,

ב) אויך לולא פעולתו איז דער עצם ענין וואס ער איז א חתן פועל׳ט אז מען זאל איהם מוחל זיין,

וואס די שאלה איז אויך פארבונדן מיט דעם וואס חתן וכלה מתענין ביום חופתן, וואס אין דעם זיינען פאראן כמה טעמים:

א) וויבאלד ביום ההוא איז מוחלין על עונותיהם, און עס דארף זיין תשובה, איז דאס בדוגמת יוהכ"פ וואס ענינו איז דאך אויך מחילת חטא, (וואס דערפאר אויך זאגט דער חתן על חטא ביום חופתו).

ב) וויבאלד אז קידושין איז א ענין של קנין, און א קנין דארף דאך זיין בדעה צלולה, אזוי אויך איז דאך האשה נקנית מדעתה, דארף זי דאך אויך האבען א דעה צלולה, דעריבער עסן זיי ניט פריער.

בייי סתם

ביי סתם א קניין איז טאקע ניט אזוי, וויבאלד אבער קדושין איז א קנין הכי חשוב, און דאס איז נוגע לבניו ובני בניו בבנין עדי עד, עד סוף כל הדורות, האט מען געמאכט אז בכדי עס זאל זיין בדעה צלולה זאל מען פריער ניט עסן און טרינקען, און דורך דעם גייט מען ארויס פון אלע ספיקות און עס איז ניט דא קיין שום מעגליכקייט אז עס זאל ניט זיין קיין דעה צלולה.

ג) דער רוקח (סי׳ שנ"ו) זאגט א טעם, אז דאס איז מצד חביבות פון די מצוה פון פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה, איז פאר קיום המצוה עסט מען ניט, בדוגמת ווי מ׳עסט ניט פאר מצות ד׳ מינים.

עס איז אויך דא א נפק"מ להלכה צווישן די אלע טעמים הנ"ל:

בשעת די חופה איז באמצע היום, אויב מ׳וועט אננעמען דעם ערשטן טעם, אז דאס איז מצד מחילת עונות, דארף מען משלים זיין דעם תענית כל היום, הגם אז די חופה איז שוין געווען, ווארום א תענית של תשובה דארף זיין כל היום, און דער יום התענית האט זיך ניט געענדיקט.

אבער לויט טעם הב׳ והג׳ איז דער ענין התענית נאר נוגע <u>פאר</u> קדושין, אויב אבער עס איז שוין געווען די קדושין (דהיינו אז עס איז געווען באמצע היום) מעגן זיי שוין שפעטער עסן.

באמת אבער אויך לפי אופן הא׳ וועט מען מעגן עסן לאחרי החופה אויב עס איז געווען באמצע היום, און דאס איז ע"פ המבואר באגה"ת מיוסד אויף דעם ירושלמי (פ׳ חלק - בנוגע צו אחאב אז התענה ג׳ שעות), אז א תענית לשעות הייסט אויך א תענית, אפילו אויב דאס איז ניט אויף דעם גאנצן טאג.

איז אזוי אויך בנדו"ד אויב די חופה איז אגעשטעלט אויף אינמיטן טאג, האט ער לכתחילה ניט מקבל געווען קיין תענית אויף מערער ווי שעות, און דאס איז אויך א תענית, כנ"ל, און דערפאר איז טאקע מנהגינו אז אויב די חופה איז באמצע היום איז מען ניט משלים דעם תענית.

א חילוק וועט אבער זיין, בשעת די חופה וועט זיין אגעשטעלט אויף ביינאכט און לפועל איז נשתנה געווארן אז דאס איז געווען באמצע היום, האט ער דאך מקבל תענית געווען על כל היום, וועט ער דארפן משלים זיין תעניתו כל היום, משא"כ לפי טעם ב׳ וג׳

לכאורה קען מען אבער פרעגן וואס איז דאס אנדערש ווי דער דין אז מ׳פאסט פאר א חולה שיתרפא ובאמצע היום נתרפא, דארף מען ניט משלים זיין דעם תענית, אזוי אויך בנדו"ד וויבאלד די חופה איז דאך בפועל געווען באמצע היום, זאל מען ניט דארפן משלים זיין

זייך דעם תענית.

נאר, דער דין הנ"ל פון תענית עבור חולה אז מ'דארף ניט משלים זייך באם נתרפא באמצע היום, איז דאס נאר אויב עס איז געווען א תענית רבים, ווארום יעמולט איז לב ב"ד מתנה עליהם, משא"כ אויב דאס איז געווען א יחיד, דארף ער טאקע משלים זייך,

דערפאר בא חתן וכלה וואס איז ניט קיין רבים, דארפן זיי משלים זייך, הגם די חופה איז געווען באמצע היום, וויבאלד זיי האבען מקבל תענית געווען על כל היום,

וואס דער דין וועט אדוי זייך דוקא לפי טעם הא' משא"כ לפי טעם ב' וג'.

שאלה הנ"ל צי עס דארף זייך תשובה ביום חופתו בכדי עס זאל זייך מחילת עונות, אדער דער עצם טאג איז מכפר, וויבאלד עס איז יום חופתם, אפילו אן תשובה אויך,

איז אויך תלוי בטעמים הנ"ל, לפי טעם הא' וועט אויסקומען אז עס מוז זייך פעולת התשובה, ובלא"ה איז קיין מחילה ניטא, משא"כ לפי טעם ב' וג' קאן מען זאגען אז אפילו אן תשובה, איז דער עצם עניין מכפר אן זייך פעולה, וואס דערלבער זאגען זיי אנדערע טעמים אויף תענית חתן וכלה.

און פון רש"י וועט מען האבען א בירור צי דאס וואס מ'איז מוחל א חתן איז עס נאר ע"י תשובה צי ניט,

דאס וואס רש"י ברענגט "ג' מוחלין להם כו'" פון "אגדת מדרש ספר שמואל", שטייט דאס אויך אין ירושלמי אין בכורים (פ"ג),

מ'האט שוין אמאל גערעדט אז בשעת מ'זאגט "מדרש" מיינט דאס לאו דוקא מדרש רבה אדער אנדערע מדרשים, נאר דאס קאן מיינען תלמוד בבלי אדער ירושלמי, אויב נאר אין חלק האגדה פון תורה, רופט מען דאס אן מדרש –

– דערמיט האט מען פארענטפערט (ראה ליקוטי שיחות עמוד 1236) דאס וואס דער אלטער רבי ברענגט אין תניא (פ"א) "ולכן אמרו רז"ל <u>במדרש</u> ראה הקב"ה בצדיקים שהן מועטים כו'", אז אע"פ אז ער מיינט די גמרא אין יומא (לח:), זאגט דער אלטער רבי אבער דעם לשון "מדרש", ווייל דאס איז אין חלק הדרוש שבתורה און דער אלטער רבי רופט דאס אן "מדרש" –

דעריבער דארף רש"י דא זאגען אז ער מיינט ווי דער דרש שטייט אין "אגדת מדרש ~~ספר~~ שמואל", און ניט ווי עס שטייט אין ירושלמי, און אויב רש"י וואלט געזאגט סתם ווי "איתא במדרש" אדער א ענליכן לשון, וואלט מען געקאנט מיינען אז ער מיינט ווי דאס שטייט אין ירושלמי, און לפועל איז כוונתו דוקא לויט ווי דער דרש שטייט אין "אגדת שמואל",

דער חילוק

דער חילוק ווי דער דרש שטייט אין מדרש שמואל און לויט ווי עס שטייט אין ירושלמי איז:

אין ירושלמי זאגט ער "חכם ונשיא וחתן עונותיהם מתכפרין" און ער לערנט דאס אפ ווילע עס שטייט "והדרת פני זקן" און גליך נאך דעם שטייט "וכי יגור אתך גר", איז פונקט ווי א גר איז מען מוחל על עונותיו אזוי איז אויך א זקן שעלה לגדולה (ווי על לסנהדרין כו׳) מוחלין לו על עונותיו, און בנוגע חתן לערנט ער אפ פון מחלת,

קומט אויס, לפי"ז אז גר מיט חתן זייגען צוויי באזונדערע גדרים, און איינער מיט דעם אנדערען האט ניט צוטאן, ואי אפשר לדמות זה לזה, ווארום אין ירושלמי מאכט ער דאס פאר צוויי סוגים, און אויך אז ער לערנט זיי ניט אפ פון איין ארט.

לויט אבער ווי עס שטייט אין אגדת שמואל - וואס קאנטיג איז אזוי געווען רשי"ס גירסא אין אגדת שמואל, משא"כ לפי גירסתנו שמה - איז סיי גר און סיי עולה לגדולה און סיי חתן לערנט מען אפ פון דאנעט, קומט אויס אז זיי זייגען גלייך איינע צו די אנדערע,

וואס איז די נפק"מ בפועל:

איז דאס די שאלה הנ"ל, צי עס דארף אויך זיין פעולת התשובה בכדי שיתכפרו עונותיו ביום חופתו, אדער עס איז מספיק דער עצם טאג אליין, אן זיין פעולה,

לויט דעם מדרש שמואל איז חתן מיט גר איין סוג, און פונקט ווי גר כפשוטו איז ער זיך דאך מגייר נאר ווילע׳ער טוט תשובה און איז משנה ממעשיו הקודמים, אזוי אויך חתן דאס וואס מוחלין לו איז דאס נאר אויב ער טוט תשובה, משא"כ לולא עבודתו איז מען איהם ניט מוחל.

אבער לויט ווי ער זאגט אין ירושלמי איז גר מיט חתן האבען ניט צוטאהן איינער מיטן אנדערן, איז דאס וואס מ׳איז מוחל א חתן איז דאס אפילו אן זיין עבודה פון תשובה.

און רש"י נעמט אן ווי עס שטייט אין "אגדת שמואל", ווילע פון דארט קומט אויס אז עס דארף זיין אויך עבודת התשובה, ולולא זאת איז מען ניט מוחל,

און דערפאר ברענגט רש"י אלע דריי ווייל ער וויל מיט דעם ווייזן אז אלע דריי ביידן צוזאמען און זיי זייגען אלע איין סוג, במילא קען מען אפלערנען איינע פון די אנדערע, און דאס איז אויך רש"י מדייק מיט די ווערטער "ולמדו הטעם מכאן", וואס דאס מיינט אז אלע דריי לערנט מען ארויס פון מחלת, ובמילא איז חתן און גר אין איין סוג,

דערמיט ווערט פארענטפערט פארוואס מ׳האט נאר איהר אנגערופען "מחלת" און ניט עשו׳ן מהלת (אדער בל׳ זכר) ווארום עשו האט

האט טאקע קיין תשובה ניט געטאהן, במילא האט מען איהם ניט מוחל געווען, נאר זי האט תשובה געטאהן, ואדרבה עשו האט נאך יענעם טאג געטאהן א עבירה, ווי רש"י זאגט בס"פ תולדות "הוסיף רשעה על רשעתו" – היפך ענין התשובה, דערפאר איז נאר געווען נמחלו עונותי', אירע עבירות, און אויך זיינע עבירות מצד איהר, אבער עשו אליין האט עס ניט מקבל געווען,

במילא איז ניט קיין חילוק צי מ'איז גורס אין רש"י "עונותיו" צי ווי אין אנדערע דפוסים "עונותי'", ווארום מ'האט אויך עס מוחל געווען מצד איהר, נאר בפועל איז עס ניט געווען ווארום ער האט עס ניט מקבל געווען.

די אנדערע נשי עשו אבער וואלט מען ניט געקענט אנרופען "מחלת" ווילע זיי האבען טאקע קיין תשובה ניט געטאהן, ואדרבה זיי זיינען דאך געווען עובדי ע"ז, כמ"ש ותהיינה מורת רוח ליצחק ולרבקה, משא"כ מחלת איז ניט געווען קיין מרשעת, ובמילא קאן מען אויף איהר זאגען אז נמחלו עונותי'.

דער ענין איז אויך פארבונדן דערמיט וואס מ'האט גערעדט פרשת תולדות אין פירש"י אויף "על נשיו" (ראה שיחת ש"פ תולדות, שנה זו).

וואס רש"י זאגט דארטן "על נשיו – הוסיף רשעה על רשעתו שלא גרש את הראשונות",

זאגט ער אין חצע"ג "מרשעת על מרשעיות שהיו לו כבר", און ווי גערעדט יעמולט באריכה איז אזוי ניט משמע פון רש"י, ווארום אויב רש"י וואלט דאס געמיינט, וואלט ער געזאגט "הוסיף רשעה על רשעיותיו" (ווי ער זאגט דעם לשון אין חצע"ג "מרשעת על מרשעיות")

(ווארום ווער דער בעל החצע"ג איז ווייס מען ניט, ממילא קען מען זאגען אז בפשטות ליגט ניט אין רש"י אז אזוי איז דער פירוש),

אפילו מיר זאלען זאגען אז דער בעל החצע"ג האט ניט געמיינט צו זאגען אז דער טייטש פון די ווערטער "רשעה על רשעתו" איז מרשעת על מרשעיות", (ד.ה. אז ער מיינט צו מפרש זיין אז מ'דארף לייענען רשעה מיט א שו"א) נאר ער האט אויך געמיינט אז עס דארף זיך לייענען רשעה (מיט א חירקק תחת הרי"ש) וואס דאס מיינט א שלעכטסקייט ער איז נאר מפרש אין וואס איז באשטאנען די שלעכטסקייט – אין דעם וואס זי איז געווען א מרשעת, איז עס סיי ווי שווער,

ווארום עס איז שווער לערנען אז מחלת איז געווען א מרשעת, בעת עשו האט איהר גענומען, א) רש"י זאגט דאס ניט, ב) עס לייגט זיך ניט זאגען אזוי, ווארום דער גאנצער טעם וואס עשו האט מיט איהר חתונה געהאט איז דאך געווען למלאות רצון אביו אויף ניט נעמען

נעמען מבנות כנען, איז שווער זאגען אז ער האט גענומען א מרשעת.

ג) פון דעם גופא וואס מיר האבען פריער גערעדט, ווארום וויבאלד אז די תורה רופט איהר אן מחלת, וואס דאס איז, כנ"ל, ווייל זי האט תשובה געטאהן, ווארום דאס וואס מ'איז מוחל ביום החופה איז דאס נאר מיט תשובה, ווארום אויב לולא ענין התשובה איז מען מוחל וואלט מען דאך אויך עשו געדארפט אנרופען בשם זה, און אויב מ'זאל זאגען אז זי האט אויך ניט געטאהן תשובה, וואלט זי דאך ניט געהייסן "מחלת".

(וואס דערפאר געפינט מען דאך ניט אז אנדערע נשי עשו זאל מען אנרופען "מחלת")

נאר מוז מען זאגען אז די האט יעמולט תשובה געטאהן, שעי"ז נקראת "מחלת", קען מען דאך ניט זאגען אז זי איז געווען בעת החתונה א מרשעת, (וזהו באו"א ממשנ"ת בשבת פ' תולדות)

איז דער פירוש אין הוסיף רשעה כו', אז מצד עשיו איז געווען א רשעות, דאס וואס לא גירש את הראשונות.

און די רשעות איז באשטאנען, וויבאלד אז ער האט געוואוסט אז יצחק וויל ניט מ'זאל חתונה האבען מיט כנעניות, און מהאי טעמא איז ער אליין געגאנגען נעמען מבנות ישמעאל, למלאות רצון אביו,איז פארוואס האט ער ניט געג'גט די פריערדיקע.

אמת טאקע יצחק האט איהם ניט געקענט הייסען זיי מגרש זיין, ווי דער דין איז שו"ע יו"ד אז אב קען ניט מונע זיין א זוהן פון חתונה האבען מיט וועמען ער וויל, אבער עשו אליין האט געדארפט זיי גט'ן.

און דאס איז דער פשט הוסיף רשעה על רשעתו, אז די ערשטע רשעה איז געווען וואס ער האט גענומען פרויען וועלכע זיינען מרשעיות, אבער דאס וואס ער האט זיי שפעטער ניט געג'גט קען ניט פארעכנט ווערן פאר א רשעה, ווארום פון דעם איסור פון נעמען בנות כנען האט ער נאך ניט געוואוסט, אדער אפילו אז ער האט געוואוסט האט עס אבער אים ניט דורכגענומען,

משא"כ אבער דא, וויבאלד ער איז געבאנגען נעמען מחלת האט ער דאך באוויזן אז ער ווייס פון דעם איסור, און אויך אז עס האט איהם דורכגענומען האט ער דאך זיי געדארפט גט'ן, במילא ווערט דאס וואס ער האט זיי ניט געג'גט (יעצט) פאררעכנט פאר א צווייטע רשעה.

לפי אופן זה וועט זיין מער פארשטאנדיק וואס רש"י זאגט הוסיף רשעה על רשעתו, שלא גירש את הראשונות, ווארום אויב מיר לערנען אז די רשעה איז געווען ווייל מחלת איז געווען א מרשעת, וועט אויסקומען אז הוסיף רשעה איז דאס ניט דער ענין פון לא גירש את הראשונות נאר לא גירש את הראשונות איז א אפטייטש אויף "על רשעתו" משא"כ

משא"כ אויב מיר ווערן זאגען אז הויסף רשעה מיינט דאס וואס ער האט ניט אפ'גע'גט די ערשטע, יעמולט איז דאס וואס רש"י זאגט שלא גירש את הראשונות א פירוש אויף די ווערטער הוסיף רשעה, אז אין דעם איז באשטאנעם די רשעה וואס לא גירש את הראשונות, גייט די גאנצע רש"י בהמשך אחד.

אויך וועט זיין א חילוק צווישן די צוויי אופנים (צי מחלת איז געווען א מרשעת צי ניט) אין דעם פי' פון די ווערטער "על נשיו" וואס שטייט אין פסוק, אויב מחלת איז געווען א מרשעת איז דער טייטש "על נשיו" אז פונקט ווי די אנדערע פרויען זיינען געווען מרשעיות עד"ז איז אויך געווען מחלת.

משא"כ אויב מיר ווערן זאגען אז מחלת איז ניט געווען קיין מרשעת, און די רשעה איז געווען וואס לא גירש את הראשונות, יעמולט וועט זיין דער טייטש על נשיו - שלא גירש את הראשונות, אז ער האט גענומען מחלת על נשיו, ניט אפ'גט'נדיק די אנדערע.

און אויך וועט כנ"ל לפי זה (אופן) זיין פארשטאנדיק פארוואס מחלת שטייט אויף איהר און ניט אויף עשו'ן, ווארום עשו האט ניט תשובה געטאקן ביום חתונתו, ואדרבה אין דעם טאג איז געווען הוסיף רשעה על רשעתו, משא"כ מחלת איז ניט געווען קיין מרשעת - עכ"פ ביום חתונתה (און שפעטער איז טאקע ניט מוכרח אז זי איז ניט געווארן קיין מרשעת), במילא קען מען איהר אנרופען מחלת.

וכנ"ל דערמיט איז פארשטאנדיק פארוואס רש"י מוז ברענגען פון "אגדת מדרש ספר שמואל", ווייל כוונתו להדגיש ניט לויט ווי עס שטייט אין ירושלמי, ווארום לויט דעם ירושלמי קומט אויס אז מ'איז זיי מוחל אויך אן תשובה, משא"כ לויט דעם מדרש שמואל, און דוקא מיט דעם מדרש שמואל איז פארענטפערט פארוואס מ'האט איהר אנגערופן מחלת.

עס בלייבט נאך אלץ אבער ניט פארשטאנדיק, פארוואס געפינט מען ניט אז בשעת אברהם האט חתונה געהאט מיט שרה זאל מען זיי אויך אנרופען בשם "מחלת", ווייל נמחלו עונותי', פארוואס האט די תורה געווארט ביז דאנעט ?

נאר דאס איז פארשטאנדיק, ע"פ פשטות, ווארום אויף שרה זאגט דאך רש"י "בת ק' כבת כ' לחטא" אז בא איר איז ניט געווען קיינע חטאים, איז ניטא אויף וואס מ'זאל מוחל זיין, (עד"ז בנוגע צו אברהם.

אזוי אויך בנוגע נחור ואשתו קען מען זאגען אז מ'האט איר ניט גערופען "מחלת", ווייל מ'געפינט דאך אז אברהם האט געשיקט אליעזר לבית נחור און זיך געוואלט משדך זיין מיט זיינעם א איינקל, איז מסתמא געווען הנהגתן כדבעי און ער איז געווען א פיינער מענטש במילא איז ניטא אויף וואס צו מוחל זיין,

די שאלה

די שאלה איז אבער בנוגע צו ישמעאל פארוואס בא עם
געפינט מען ניט דעם ענין פון מחלת,
וואס ער האט דאך יא געהאט חטאים, ווי דער פסוק זאגט
"ותרא שרה את בן הגר המצרית גו׳ מצחק" - טייטשט רש"י אז "מצחק" -
איז דאס גילוי עריות, ע"ז און שפיכות דמים, האט ער דאך יא געהאט
אויף וואס תשובה צו טאהן,
מ׳וואלט געקענט זאגען אז וויבאלד ווי רש"י (בראשית
כ"ג,א) זאגט אז יעמולט איז מען ביז צוואנציג ניט געווען קיין בן
-עונשים, במילא קען דאס די תורה ניט זאגען אויף ישמעאל, ווייל
אפשר האט ער חתונה געהאט פאר צוואנציג איז ער ניט געווען קיין בר
עונשין, במילא איז ניט געווען וואס צו מוחל זיין,
- וואס לפי האמת איז דאס טאקע דער טעם פארוואס ביי
אברהם ונחור שטייט ניט קיין מחלת, ווייל זיי האבען חתונה געהאט
פאר צוואנציג זיינען זיי ניט געווען קיין בני עונשין ...
קען מען דאס אבער ניט זאגען בנוגע צו ישמעאל, ווארום
עס שטייט בפירוש (בראשית כא,כ) ויגדל און דערנאך ותקח לו אמו
אשה, במילא איז ער דאך יא געווען א בן עונשין, בלייבט דאך צוריק
די שאלה, פארוואס בא ישמעאל שטייט ניט מחלת ?
העלפט אבער דער אויבערשטער אז עס שטייט בכלל ניט אין
פסוק ווי ישמעאל׳ס פרוי האט געהייסן, און קאן זיין אז זי האט
געהייסן"מחלת"...
די הוראה דערפון איז:
עס זיינען דא אזוינע וואס קאנען טראכטן ווי קען ער
האלטן בא דער דרגא פון "כשמחך יצירך בגן עדן מקדם", אין ג"ע גופא
ווי קודם החטא, וואס דאס איז דאך דער דיוק אין "מקדם", בשעת אז
ידע אינש בנפשי׳ זיין מעמד ומצב,
זאגט מען איהם אז אפילו עשו, אויב ער וואלט תשובה
געטאהן וואלט מען איהם אויך מוחל געווען, ניט קוקענדיק אויף זיין
הנהגה ביז יעמולט, און אזוי אויך נאך זיין תשובה טאהן, וואלט דאך
געקענט זיין אז זיין הנהגה וואלט געווארן צוריק ווי לפני עשית
תשובה, פונדעסטוועגן אויב ער וואלט תשובה געטאהן וואלט מען איהם
מוחל געווען, אז עס וואלט געווען כשמחך יצירך בגן עדן מקדם.
כ"ש בא א איד, וואס כפסק הרמב"ם (פ"ב מהל׳ גירושין)
ווייל דאך יעדער איד בפנימיות מקיים זיין דעם רצון פון אויבערשטן
איז דאך זיכער אז מוחלין לו, אויב נאר ער טוט תשובה, און עס איז
כשמחך יצירך בגן עדן מקדם.
ויך יעמולט בויט ער אויף א בנין עדי עד בדור ישרים
יבורך.

מכתב

מכתב מכ"ק אדמו"ר שליט"א (מתורגם מאנגלית)

.... אודות כדאיות נסיעתך לארץ ישראל בחנוכה, אוכל להבין היטב את רגשותיך ורצונך לנסיעה זו, אבל מצד אחד אינני חושב שזהו הדבר הנכון בשבילך לעשות, בקצת התבוננות תודי (מלשון הודאה) שזה לא יהיה מותאם בדרך היהדות ועוד פחות עם דרך החסידות, כי אפילו כאשר החתן והכלה נמצאים באותה העיר או בשתי ערים לא רחוקות אחת מהשניה הנה מדרך היהדות להמנע מלהפגש אחד עם השני לפני החתונה, ועוד יותר לנסיעה ארוכה שבזאת עם הפרסומת שבדבר, מבלי להזכיר הוצאות מבחינה כספית אנרגי׳ זמן וכו׳.

והכל כדי לעשות משהו שאיננו כדאי מלכתחילה.

הנני בטוח שלא תקחי זאת ללב, באם תחשבי שאת ושותפך הנבחר בחיים, תקיפים בעזרתכם לבנות בית יהודי אמתי בנין עדי עד בהשתתפות הדדית להרבה הרבה עשרות בשנים, בשמחה אמתית והרמוני של דרכי חיים החסידיים.

* * * * * * * * * * * *
* * * * * * * * * * *
* * * * * * * * * *
* * * * * * * * *
* * * * * * * *
* * * * * * *
* * * * * *
* * * * *
* * * *
* * *
* *
*

מוקדש לילדינו
חנה, לוי, צמח יהודה,
שיינא ושרה רויזא
לאריכות ימים והצלחה בלימודיהם
ושיגדלו להיות חסידים, יראי שמים
ולמדנים